A JEWISH CANADIAN DAILY Circulated All Over CANADA And Abroad

NEW YORK PUBLIC LIBRARY APR 5 - 1924 ASTOR, LENOX TILDEN FOUNDATIONS

N. Y. Public Library 476 Fifth Ave.

THE HEBREW JOURNAL

דער אידישער זשורנאל

פאליטיש אומאפהענגיג נאציאנאל.

א צייטונג וועלכע גיט פרייהייט פון אויסדרוק צו אלע שיכטען.

VOLUME XI No. 4151 TORONTO THURSDAY APRIL 3 1924

כה אדר ב. פרשה תזריע, תרפ"ד.

טאראנטא, דאנערשטאג דער 3־טער אפריל, 1924.

PRICE THREE CENTS

נאך באווייזע געגען דעם עקס־טרעזשורער פיטער סמיט

געוועזענער פארוואלטער פון האם באנק זאגט, אז דער געוועזענער פראווינשעל טרעזשורער איז געווען אן אפטער גאסט ביי דעם פארשטארבענעם פרעזידענט פון דער באנק. — באמערקונגען אז סמיט פלעגט קומען נעהמען געלט.

—————):0:(—————

אויף דער נעכטיגער זיצונג פון דער פאבליק אקאונטס קאמיטע זענען ארויסגעבראכט געווארען נאך באווייזע וואס צילען צו ארויסברענגען, אז האנ. פיטער סמיט, דער געוועזענער פראווינשעל טרעזשורער, פלעגט קריגען קאמישאן פון דער האם באנק, דערפאר וואס ער האט דארט געהאלטען די רעגירונגס געלטער.

דער הויפט־עדות איז נעכטען געווען דזשיי. סי. ווייטייקער, דער געוועזענער אלגעמיינער אויפפאסער אין דער באנק. ער האט דערצעהלט, אז האנ. פיטער סמיט איז געווען אן אפטער באזוכער ביי קוירנעל מייסאן, דער פארשטארבענער פרעזידענט פון דער האם באנק. אלס באשטעטיגונג האט ער געבראכט א קאלענדאר „פער" פון דעם פרעזידענט'ס אפיס, אין וועלכען עס איז געווען פארצייכענט, אז אין דער צייט דארף דער פראווינשעל טרעזשורער קומען מיט א באזוך. דער עדות האט געזאגט, אז סמיט איז געווען אין הויפט־אפיס פון דער באנק ארום א טוצען מאל.

דער עדות האט ווייטער געזאגט, אז איינינע מאל ווען סמיט איז געקומען אין אפיס האט קוירנעל מייסאן געבעטען איהם ברענגען געוויסע סומען געלט. איינמאל האט ער פארלאנגט 2,500 דאלאר. דאס געלט איז געגעבען געווארען פון דעם עדות צו דעם פרעזידענט אין דער אנוועזענהייט פון דעם פראווינשעל טרעזשורער. אין באנק האט מען געשמועסט, האט דער עדות געזאגט, אז „האנ. פיטער פארלירט ניט קיין סך צייט".

אויף א פראגע וואס סמיט האט באצוועקט מיט דיזע אפטע באזוכען, האט דער עדות געענטפערט: „צו מאכען דיזע קאלעקשאנס, וואלט איך געזאגט".

מען האט דעם עדות געפרעגט צי ווייסט ער עפעס וועגען דעם געהיימניספולען טשעק אויף פופצעהן טויזענט דאלאר, וואס איז, לויט דעם „סטאר" אויסגעמאכט געווארען אויף סמיט'ס נאמען, און איז איצט פארשוואונדען געווארען. ער האט אויף דעם געענטפערט, אז עס איז געשריבען געווארען פון אן אנגעשטעלטען, וועלכער געפינט זיך איצט אין קאליפארניע.

קריגס־מיניסטער איצט באשולדיגט אין גרעפט

עדות זאגט, אז קאמפאניע פון לופט־שיפען האט געקראגען איבעריגע פינף מיליאן דאלאר פון דער רעגירונג. — יאפאנעזישע לופט־שיף קאמפאניע האט ארויסגעקראגען סודות.

—————):0:(—————

וואשינגטאן, אפריל 2.

דזשאן וו. וויקס, דער קריגס־מיניסטער איז איצט „אונטער פייער". באשולדיגונגען זענען היינט געמאכט געווארען פאר דער סענאט אונטערזוכונגס־קאמיטע, אז דער קריגס־מיניסטער האט דערלאזען דאס די רעגירונג זאל איבערצאהלען פינף מיליאן דאלאר צו דער „ראיט־מארטין עירקראפט קארפאריישאן" — א קאמפאניע וואס מאכט לופט־שיפען, און ער האט פארארדענט, אז א פראצעס געגען דער זעלביגער קאמפאניע אויף צוריקקריגען איבערגעצאהלטע דריי און א'האלב מיליאן דאלאר זאל אויפגעגעבען ווערען.

קעפטען ט. סקעיף, א געוועזענער יוסטיץ אגענט איז געווען דער עדות וואס האט געמאכט דיזע באשולדיגונגען. ער האט געזאגט, אז דער קריגס־מיניסטער, טשארלס הייודען, פרעזידענט פון דער ראיט־מארטין קאמפאניע, הערי דאהערטי און גאי גאף, זיין געהילף, דארפען אלע אנגעקלאגט ווערען.

דער זעלביגער עדות האט אויך געזאגט, אז די „סטענדערד עירקראפט קארפאריישאן", א פירמע פינאנסירט פון יאפאנעזער, האט ארויסגעקראגען סודות וועגען די אמעריקאנער לופט־שיפען. ער האט דאס באשטעטיגט מיט באריכטען פון שפיאנען וואס געפינען זיך אין אמעריקאנער פלאט.

אכט ארעסטירט אין שייכות מיט האלד אפ אין מאנטרעאל

מאנטרעאל, אפריל 2.

אכט פערזאן, זעקס מענער און צוויי פרויען, זענען ארעסטירט געווארען אין פארבינדונג מיט'ן נעכטיגען גרויסען האלד אפ.

צוויי מענער און צוויי פרויען זענען ארעסטירט געווארען נעכטען ביינאכט. די פאליציי זאגט, אז זי האט זיי געכאפט צעלענדיג געלט, ארום אכט טויזענט דאלאר. א יונגע מיידעל האט געוואלט באהאלטען דריי טויזענט דאלאר אין איהר זאק ווען די דעטעקטיווס זענען אריינגעקומען.

די פאליציי גיט ניט ארויס די נעמען פון די ארעסטירטע. עס ווערט געמעלדעט, אז די צוויי פרויען האבען ערקלעהרט אז זיי זענען אידישע. מען גלויבט אבער ניט, אז זיי זענען דירעקט פארמישט אין דעם האלד אפ.

עס איז פעסטגעשטעלט געווארען, אז די באנדיטען האבען צוגענומען 142 טויזענט דאלאר. דער נאמען פון דעם דערשאסענעם באנדיט איז פאול וועבסטער.

נאך א גרופע פון 140 אימיגראנטען קומט היינט אן

היינט קומט אן קיין טאראנטא נאך א גרופע פון 140 אידישע אימיגראנטען, פון די אוקראינער פליטים וואס זענען ארויסגעשיקט געווארען פון רומעניע.

ניט אלע אימיגראנטען וואס קומען היינט אן וועלען בלייבען אין אנטאריא. זעכציג פון זיי פאהרען ווייטער קיין ווינניפעג און ארום אכציג וועלען בלייבען אין טאראנטא און אין די קלענערע שטעדטלאך פון אנטאריא.

די היגע אימיגראנטען־געזעלשאפט האט געמאכט אלע נויטיגע הכנות אויף צו באגעגענען די נייע אימיגראנטען.

האלאנד קווינקעלט זיך

אמסטערדאם, אפריל, 2.

די פארהאנדלונגען צווישען האלאנד און רוסלאנד זענען געקומען צו א טויטען־פונקט. רוסלאנד פאדערט פולע אנערקענונג און האלאנד קווינקעלט זיך נאך.

אונזערע שטאדט־טאטעס הויבען אן אן אנטי־אימיגראציע קאמפיין

אונזער באארד אוו קאנטראל האט נעכטען באשלאסען אנצוהויבען אן אנטי־אימיגראציע קאמפיין. עס איז נעמליך אנגענומען געווארען א באשלוס צו פאראינטערעסירען אלע שטעדט פון דער דאמיניאן אין א פראטעסט־באוועגונג געגען דער איצטיגער אימיגראציאנס־פאליסי פון דער פעדעראלער און פראווינציעלער רעגירונג.

מעיאר הילץ האט אויף דעם מיטינג ווידערהאלט די זעלבע מיינונגען וועגען אימיגראציע, וואס ער האט פאריגע וואך אויסגעדריקט אין אן אינטערוויו אין מאנטרעאל. ער האט געזאגט, אז קאנאדער וואנדערען אויס נאך די פאראייניגטע שטאאטען צוליב די ניי־אנגעקומענע אימיגראנטען און אז עפעס מוז געטאן ווערען צו ענדערען די לאגע. ער האט דערהאלטען פילע בריעף וועגען דעם ענין, האט ער געזאגט.

געוויסע פלענער פאר דעם אנטי־אימיגראציע קאמפיין וועלען אויסגעארבייט ווערען אויף דער קומענדיגער זיצונג פון דער באארד אוו קאנטראל.

באארד אוו קאנטראל איז געגען געבען לייסענס צו ניט בירגער

די באארד אוו קאנטראל באטראכט איצט א רעקאמענדאציע צום סיטי קאונסיל, אז קיינע לייסענס זאלען ארויסגעגעבען ווערען צו ניט־בירגער. דער סיטי סאליסיטאר, דער לייסענס דעפארטמענט און דער פראפערטי קאמישיאנער זענען אויפגעפאדערט געווארען צו צושטעלען באריכטען וועגען די "פרעמדע" וואס האבען לייסענס.

קאנטראלער העקער האט רעקאמענדירט, אז קיינע לייסענס זאלען ארויסגעגעבען ווערען צו בירגער.

דער מעיאר האט צוגעשטימט, אז דאס איז א גוטער פלאן.

באשליסען א דריי־טעגיגען קאמפיין צו שאפען 75 טויזענט דאלאר פאר דער צדקה־פעדעראציע

קאמפיין וועט פארקומען דעם 28־טען, 29־טען און 30־טען אפריל.

אויף א פארזאמלונג פון כלל־טוער, נעכטען אווענט אין "פרימראוז קלאב", וואו עס איז ארומגערעדט געווארען די לאגע פון דער צדקה־פעדעראציע, איז באשלאסען געווארען צו מאכען "דרייוו" פאר 75 טויזענט דאלאר.

דער קאמפיין וועט אנהאלטען דריי טעג, דעם 28־טען, 29־טען און דעם 30־טען אפריל. מר. טשארלס דריימאן איז דער טשערמאן פון דער קאמפיין־קאמיטע און מר. עדמאנד שייער איז דער טרעזשורער.

אויף דער פארזאמלונג זענען אויסגעארבייט געווארען פארשיעדענע פלענער ווי אזוי צו מאכען דעם קאמפיין ערפאלגרייך. עס איז באשלאסען געווארען, אז דער קאמפיין זאל אנגעפיהרט ווערען לויט די פארשיעדענע טריידס. עס וועט זיין א באזונדער קאמיטע מיט א טשערמאן פאר יעדען טרייד. אזוי וועט זיין א קלאדהינג קאמיטע, א פארייער קאמיטע א. אז. וו.

די נעמען פון אלע קאמפיינערס וועט די טעג פארעפענטליכט ווערען אין „זשורנאל".

לודענדארפ'ס באפרייאונג מאכט מאנארכיסטען ווילד פון פרייד

מינכען, אפריל, 2.

די שווארץ־ווייס־רויטע פאן פון קייזעריזם פלאטערט איצט טראציג אויף די גאסען פון מינכען. די פינסטערע, רעאקציאנערע כחות פייערען לודענדארפ'ס באפרייאונג.

„האך לודענדארף!" טראגט זיך א ווילד־פרייידיגער געשריי פון אלע קאפע־הייזער און דער געשריי דערטרינקט די מוזיק און די לוסטיגע לידלאך פון די שאנסאנעטקעס. איבעראל ציהען זיך דעמאנסטראציעס מיט די אלטע מאנארכיסטישע פאנען. כלומר'שט מאכט די מיליטער א פארזוך צו צוטרייבען די דעמאנסטראנטען, אבער קיינער נעהמט עס ניט ערנסט.

גלייך ווי עס איז באקאנט געווארען, אז לודענדארף איז פריי — און קיינער האט קיין אנדער ווערדיקט ניט ערווארטעט — האט זיך פארזאמעלט א יובעלדיגער עולם לעבען דעם געריכט. דער פראקוראר האט געבעטען לודענדארפ'ען ארויסצוגעהן דורך א זייטיגער טיר, אבער דער לעצטער האט פרעך געענטפערט, אז ער וועט ארויסגעהן דוקא מיט דער פאדערשטער טיר.

די מאסע האט אויפגענומען מיט פרייד איהר העלד. ער איז פארווארפען געווארען מיט בלומען. אלטע, אריסטאקראטישע דאמען האבען איהם געווארפען קושען — עס איז געווען ששון ושמחה ביי די דייטשע מאנארכיסטען.

היינט דער קאנצערט פון אידישען שאך קלוב

דער אידישער שאך־קלוב האט אויף היינט ארגאנזירט א קאנצערט און ליטעראַרישען אווענט אין סטענדערד טעאטער.

אין דעם קאנצערט וועלען אויפטרעטען חזן וולאדאווסקי מיט זיין כאר, אסתר פיעלד, די פיאניסטקע מייבעל הערימאן, דער פידעל־שפילער דייווידסאן, דער באקאנטער פארלעזער י. ראזין און נאך עטליכע לאקאלע קרעפטען.

„מאמפס" פארשפרייט זיך

די „מאמפס"־קראנקהייט פארשפרייט זיך איבער'ן שטאדט. נעכטען זענען באריכטעט געווארען 43 נייע קראנקען־פעלע.

א רב פון רוסלאנד דערצעהלט וועגען דער אידישער ערציהונג דארטען

לעזט מארגען אין "זשורנאל" אן אינטערעסאנטען ארטיקעל פון הרב ג. לייקין וועגען דעם ווי אזוי די אידישע יוגענד ווערט יעצט ערצויגען אין רוסלאנד —

מארגען אין "זשורנאל".

26 טויט פון פייער אין א מואווי טעאטער

מעקסיקא סיטי, אפריל 2.

26 פערזאן זענען דערהרגעט געווארען און 56 זענען פארוואונדעט געווארען אין א פייער וואס איז פארגעקומען נעכטען אווענט אין א מואווי־טעאטער, אין האקיבאיא סיטי, א פארשטאדט פון מעקסיקא סיטי.

די מערהייט קרבנות זענען צוטראטען געווארען אין דעם ווילדען געלאף צו ראטעווען זיך פון דעם פייער.

קולידזש האט שוין א נייעם אטוירני דזשענעראל

וואשינגטאן, אפריל 2.

הארלאן פיסק סטאן איז אויסגעקליבען געווארען פון פרעזידענט קולידזש אלס אטוירני דזשענעראל, אויף דעם פלאץ פון הערי דאהערטי, וועלכער איז געצוואונגען געווען צו רעזיגנירען, צוליעב זיין שייכות מיט'ן אויל־סקאנדאל.

סטאן איז א באקאנטער לאיער. ער איז געווען פראפעסאר פון לאא אין קאלאמביא אוניווערזיטעט.

2 שיער דער'הרג'עט פון א באהן

דזשיימס ראבינסאן און עדווארד קעמפ מעגען ממש בענטשען גומל. זיי זענען ביידע קאר אינספעקטארס פאר דער סי. ען. אר. און נעכטען איז אויף זיי ארויפגעפאהרען א קאר. זיי זענען געשטויסען געווארען פון דער קאר און ממש דורך א נס זענען זיי ניט אריינגעצויגען געווארען אין די רעדער, וואס וואלט געמיינט א זיכערער טויט.

ביידע זענען צוגענומען געווארען אין גרייס האספיטאל, אבער זייערע וואונדען זענען ניט ערנסטע.

צוויי אידישע קרבנות פון גענגסטער קאמף באערדיגט

ניו יארק, אפריל 2, (איטא).

מאקס קאנאוויטש און לואיס גרינבערג, וועלכע זענען דערשאסען געווארען נעכטען פון גענגסטערס, זענען היינט באערדיגט געווארען.

מען דערצעהלט, אז די גענגסטערס האבען געוואלט ערמארדען גרינבערג'ען און קאנאוויטש איז געפאלען אן אומשולדיגער קרבן.

היינט דער לעצטער טאג פון דעם באזאר

היינט איז דער לעצטער טאג פון דעם באזאר וואס דער פרויען פאראיין האט ארגאנזירט צו גונסטען א זומער־קאלאניע פאר קינדער. אלע זאכען מוזען אויספארקויפט ווערען און די וואס וועלען קומען היינט וועלען קריגען מציאות. דער באזאר קומט פאר אין דער ארבייטער רינג הויז, בעווערלי סטריט.

שבת אווענט וועט דארט פארקומען א טאנץ פאר'ן זעלבען צוועק.

פרעמיער הערט אוים קריוודעס פון די „הארוועסטערס"

—————):0:(—————

אטאווא, אפריל 2.

די ענגלישע „הארוועסטערס" וואס האבען מארשירט פון טאראנטא, זענען נעכטען אויפגענומען געווארען פון דעם פרעמיער און האבען זיך פאר איהם באקלאגט, אז מען האט זיי פארפיהרט קיין קאנאדא אונטער פאלשע אויסרייזען. מען האט זיי צוגעזאגט גליקען און נאכהער האט מען זיי אפגענארט.

דער פרעמיער האט ערקלעהרט, אז אין ענגלאנד איז דא א געזעץ וואס באשטראפט פאר ערמוטיגען עמיגראציע דורך מיסרעפרעזענטאציע און זיי דארפען זיך קלאגען דארט.

דערוויל האט ער פארשפראכען צו באזארגען זיי מיט ארבייט.

ליבאר־רעגירונג שאפט אפ די געהיימע דיפלאמאטיע

דער געהילף אויסערן־מיניסטער ערקלעהרט, אז די רעגירונג וועט פארלעגען אלע טריטים פאר'ן פארלאמענט. — געהיימע דיפלאמאטיע ווערט דערמיט אפגעשאפט. — רענט־ביל וואס פארווערט ארויסצושטעלען ארבייטסלאזע איפ'ן גאס.

לאנדאן, אפריל, 2.

בעת דער פארלאמענט האט נעכטען געהאנדעלט וועגען ראטיפיצירען די לאוזאנער טריטי, האט דער געהילף אויסערן־מיניסטער, ארטור פאנסאנבי, געמאכט אן ערקלעהרונג, אז פון איצט אן וועט געהיימע דיפלאמאטיע אפגעשאפט ווערען. אלע טריטים וועלען פארגעלעגט ווערען פאר'ן פארלאמענט און עס וועט געגעבען ווערען א געלעגענהייט צו דיסקוטירען וועגען זיי. ווען א געוויסע טריטי וועט ראטיפיצירט ווערען וועט זי שפעטער פארעפענטליכט ווערען אין דער פרעסע.

דיזע באקאנטמאכונג האט ארויסגערופען א שטורם פון פראטעסטען. ליבעראלען און קאנסערוואטיווען האבען אנגעוויזען אז דאס מיינט אן ענדערונג אין דער קאנסטיטוציע און האבען געפאדערט א ספעציעלע דעבאטע וועגען דער פראגע.

עס האלט אויך ביים אויסברעכען א שטורם איבער א צווייטער פראגע. דער מיניסטער וויהיטלי, וועלכער האט זיך באריהמט געמאכט אין די ערשטע טעג פון דער לייבאר אדמיניסטראציע מיט דעם ענין „פאפלאר", האט איצט פארגעשלאגען א רענט־ביל, אין וועלכען עס איז דא א פונקט, אז ארבייטסלאזע טאר מען ניט ארויסטרייבען פון די וואוינונגען דערפאר וואס צאהלען ניט קיין רענט.

דער ביל האט ארויסגערופען נאך א גרעסערע ענטריסטונג מצד די קאפיטאליסטישע פארטייען. מען שמועסט, אז פרעמיער מעקדאנאלד וועט מוזען צוריקציהען דעם ביל, אויב ער וויל ניט ליידען א נידערלאגע. די ליבעראלען האלטען איצט א קאקוס צו באשטימען זייער שטעלונג צו דעם ביל.

פאטער פארברענט וועלענדיג ראטעווען צוויי קינדער

אירקאי פאלס, אפריל 2.

הענרי דזועט, דרייסיג יאהר אלט, איז פארברענט געווארען אין א פארזוך צו ראטעווען זיינע צוויי קינדער. די קינדער זענען אויך אומגעקומען.

רוסיש־רומענישע קאנפערענץ אפגעבראכען

קאנפערענץ אפגעבראכען איבער בעסאראבישער פראגע. — כינא גרייט צו אונטערשרייבען טריטי מיט רוסלאנד. — אנטוואפנונג ניט מעגליך אהן רוסלאנד'ס באטייליגונג, זאגט טשיטשערין.

——):(——

ווינען אפריל 2.

די רוסיש־רומענישע קאנפערענץ איז היינט אפגעבראכען געווארען איבער דער בעסאראבישע פראגע. די רוסישע דעלעגאטען זענען באשטאנען, אז דער גורל פון בעסאראביע זאל באשטימט ווערען דורך א פלעביסציט און די רומענישע דעלעגאטען האבען ניט געוואלט צושטימען דערצו.

כינא שטעלט באדינגונגען

פעקין, אפריל 2.

די כינעזישע רעגירונג האט היינט צוגעשטימט צו שליסען א טריטי מיט רוסלאנד אונטער די פאלגענדע דריי באדינגונגען:

ערשטענס, זאל רוסלאנד זיך אנטזאגען פון אלע טריטים וואס זענען געשלאסען געווארען פון דער צאריסטישער רעגירונג. צווייטענס, זאל רוסלאנד צוריקציהען איהר מיליטער פון מאנגאליע און זאל בכלל ניט באריהרען די כינעזישע טעריטאריאלע סאווערעניטעט. דריטענס, זאל די פראגע וועגען אומקעהרען די רוסישע קירכע־אייגענטום אין כינא פארהאנדעלט ווערען אויף א באזונדערער קאנפערענץ.

אהן רוסלאנד איז ניט מעגליך אנטוואפנונג, זאגט טשיטשערין

זשענעווא, אפריל 2.

טשיטשערין, דער רוסישער אויסלאנדס־קאמיסאר, האט צוגעשיקט א לאנגע ערקלעהרונג צום פעלקער־בונד וועגען זיין בליק אויף דער פראגע פון אנטוואפנונג. ער ערקלעהרט אז די פראגע דארף באהאנדעלט ווערען זעלבסשטענדיג און דאס דארף געטאן ווערען ווי צום שנעלסטען. ער גלויבט, אז די פראגע דארף אויפגענומען ווערען אויף אן אלוועלטליכער קאנפערענץ, און ניט דוקא פון פעלקער־בונד.

צום שלום ווארנט טשיטשערין דעם פעלקער־בונד, אז אנטוואפנונג, אפילו טיילווייזע אנטוואפנונג, קאן ניט דערגרייכט ווערען, אהן רוסלאנד'ס באטייליגונג.

די אנטיסעמיטישע סטודענטען אין בוקארעסט באפרייט

בוקארעסט, אפריל, 2, (איטא).

אלע סטודענטען וואס זענען ארעסטירט געווארען פארגען יאהר פאר באטייליגען זיך אין א קאנספיראציע געגען דער רעגירונג און פאר מאכען אנטי־אידישע עקסצעסען זענען באפרייט געווארען.

אין מארמארעז האבען כוליגאנעס איינגעבראכען אין עטליכע אידישע געשעפטען.

פארשוואונדען מיט 120 טויזענט דאלאר

וואשינגטאן, אפריל 2.

עדווין בראון, דער פיימאסטער פון דער אמעריקאנער פלאט, איז פארשוואונדען געווארען מיט א סומע פון 120 טויזענט דאלאר.

חזן וולאדאווסקי אין אבל

חזן ב. וולאדאווסקי האט נעכטען באקומען א טרויעריגע ידיעה, אז זיין מוטער איז געשטארבען אין רוסלאנד.

1847 ROGERS BROS
SILVERPLATE



אמבאסאדאר פעטערן טיש־לעפעל

ווייל די אידישע בעל־הבית'טע איז שטאלץ אויף איהר היים

די אפ־טו־דייט בעל־הבית'טע שענקט באזונדערע אויפמערקזאמקייט צו די זילבערוואַרג, וועלכע טראגט פסח־צייט אן איבערגעוועהנליכע וויכטיגקייט ביים סדר־טיש. און ווייל זי וויל אז דער זילבער זאל זיין עכט־פראכטפול — דעריבער קויפט זי "1847 ראדזשערס בראדערס". דורך איהר פערזענליכער דערפאהרונג און די דערפאהרונג פון איהרע פריינד ווייסט זי, אז דאס זילבערוואַרג איז דאס פראכטפולסטע, דאס עקאנאמישסטע און דויערהאפטיגסטע אין מארקעט.

זי ווייסט, אז אלע זילבערוואַרג וואס טראגען די ציפערען "1847" איז דער סארט צו קויפען. עס האט איבער געגעבען צופרידענהייט. און עס האט פראכטפולע פעטערנס צו שאפען פארגעניגען צו דער אידישער בעל־הבית'טע און איהרע פריינט. זי האט א געלעגענהייט צו ווייזען איהר אייגענעם גוטען געשמאק דורך אויסקלייבען איינס פון זיי. און ווען זי וויל צולייגען איהרע "1847 ראדזשערס בראדערס" — קאן זי עס טאן לייכט. ווייל די סטארס אין איהר געגענד האבען אימער דיעזע פיינע סילווערפלייט אין סטאק

אין אייער באליעבטער סטאר — בעט מ'זאל אייך ווייזען די קלאסישע "1847 ראדזשערס בראדערס" פעטערנס.

MERIDEN BRITANNIA CO. LIMITED
HAMILTON, ONT.

„ווילדע לײַדענשאפט"

א ראמאן פון אידישען לעבען.

פון י״־ב״ם

(106־טע פארזעצונג)

— ער האט געטראגען א לאנגען ראק, ער האט אויך געטראגען א ברייטען העט טיעף אויפ'ן שטערן.

— איז די דאמע געוועזען בלאנד אדער ברונעט ?

— בלאנד, זי האט שעהנע לאקען.

— איז זי געוועזען פארשלייערט ?

— יא, אין א שווארצען שלייער.

— איהר הוט ?

— א קליינע איינפאכע הוט, נור איהר ווייסט דאך, דאס אזוי גענוי קען מען זיך ניט צוקוקען. איך האב אבער דעם יונגען מאן צופעליג ווידער געזעהן.

— נאך אין דערזעלבער נאכט ?

— ניין אין דער פריה.

— וואוהין זענען זיי געפאהרען ?

האט ער יעצט געפרעגט.

— צו דער באהן.

— זענען זיי געפאהרען גלייך אהין?

— יא.

— און דארט ?

— זענען ביידע אויסגעשטיגען.

— האט דער יונגער מאן באצאהלט פארן פאהרען אדער נאכ'ן פאהרען ?

— פאר'ן פאהרען.

— וועט איהר זיי ביידען קענען ווידער ערקענען ?

— איך דענק אזוי.

— ווען זענט איהר אנגעקומען צום באהן ?

— אום דריי פיערטעל צו ניין.

— איהר האט געזאגט אז איהר האט דעם מאן ווידער געזעהען ?

— יא.

— פיער אזייגער אין דער פריה.

— וואו ?

— גראדע ביים באהן.

— און ער האט אייך צוגערופען ?

— יא, ער איז מיר נאכגעלאפען און האט מיר נאכגעשריען.

— האט ער אייך ערקענט ?

— עס שיינט, אז ניט.

— אבער איהר האט איהם דערקענט?

— געוויס, איך קען שווערען.

— וואוהין האט איהר איהם געפיהרט ?

— צום לאנדסבורגער טויער.

— דארט איז ער אויסגעשטיגען ?

האט איהר געזעהן וואוהין ער איז אריין ?

— דאס קען איך ניט זאגען. עס איז געווען פינסטער און ער האט מיך ניט אינטערעסירט.

קאמיסאר ווינטער האט אראפגענומען דעם נומער פון אויטאמאביל און האט דאן צו איהם געזאגט

— ווען אייך וועט זיך מאכען דיעזען יונגען מאן נאך אמאל צו זעהן, זאלט איהר צורופען א פאליציסט און לאזען איהם ארעסטירען.

יעצט איז ווינטער אוועק צום באהן און האט אויפגעזוכט דעם מאן וואס האט פארקויפט די בילעטען.

פון איהם האט ער ערפאהרען, דאס דיעזער יונגערמאן, וועלכען ער האט פאר איהם געשילדערט, האט געקויפט צוויי בילעטען, איינעם נאך פילאדעלפיא און איינעם נאך שיקאגא.

פון דעם בילעט פארקויפער איז ווינטער אוועק און האט אויסגעזוכט דעם קאנדוקטאר וואס האט צו יענער צייט געארבייט אויפ'ן באהן.

דעם קאנדוקטאר איז געוועזען שווער צו געדענקען די פאסאזשירען, אבער גראדע די פאר פאלק איז איהם געווארען אויפפאלענד און ווען ווינטער האט איהם געשילדערט זייער אויסזעהן האט ער זיך דערמאהנט, אז זיי זענען געזעסען צוזאמען און האבען געהאט צוויי בילעטען, איינעם נאך פילאדעלפיא, דעם צווייטען נאך שיקאגא. ער האט דאס געדענקט, ווייל אין דיעזען וואגאן זענען געזעסען נור רייזענדע נאך פילאדעלפיא. די שיקאגאר פאסאזשירען זענען געזעסען אין אן אנדער וואגאן, אבער ער האט פאר זיי געמאכט אן אויסנאהמע, ווייל ער האט גערעכענט אז איינער בעגלייט דא דעם צווייטען א שטיק וועג, ווי עס טרעפט זעהר אפט.

— אלס דער צוג איז אנגעקומען אין פילאדעלפיא, ווער פון זיי איז אויסגעשטיגען, דער הער אדער די דאמע

— ביידע.

— ווייסט איהר עס גענוי ?

— גאנץ בעשטימט.

— אבער איינער פון זיי איז ווידער איינגעשטיגען ?

— ניין.

— פיליכט אין אן אנדער וואגאן ?

— דאן וואלט איך עס געוואוסט.

— ווי אזוי ?

— דער צוג בלייבט דארט א קורצע צייט, און זעהר ווייניג פאסאזשירען זענען אראפ אבער קיינע זענען דארט ארויף.

— עס איז אלזא מעגליך, דאס איינער פון זיי איז געפאהרען מיט א שפעטערען צוג.

— דאס קען מען גלייך ערפאהרען, ווען דער בעאמטער פון דער סטאנציע מוז אויף דעם בילעט אויפשרייבען ווען די רייזע איז אפגעבראכען געווארען און אזוי ווי די בילעטען מוזען נאכדעם אפגעגעבען ווערען אין הויפט קווארטיר אזוי קען מען אויסגעפינען אויב אזא בילעט איז אריינגעקומען אדער ניט.

— איז אייך עטוואס אויפגעפאלען אויף די צוויי פערזאנען ?

— ניין.

— האט איהר אין זיי באמערקט א פאר געליעבטע ?

— דאס שיינט אזוי צו זיין.

— האט איהר באמערקט אויב זיי האבען גערעדט צוזאמען ?

— ניין. זיי האבען געשוויגען.

הער ווינטער האט גענומען דעם קאנדוקטארס נאמען און אדרעס און איז אוועק.

ער איז אוועק נאך דער הויפטקווארטיר אום נאכצוזוכען דעם בילעט, וועגען וועלכען דער קאנדוקטאר האט איהם ערקלעהרט אבער ער האט דארט אזא בילעט ניט געפונען.

ער איז דארום אוועקגעפאהרען נאך פילאדעלפיא און דער דארטיגער באהן בעאמטער האט איהם געענטפערט דאס ער האט ווירקליך אונטערשריבען א בילעט, וואס איז געווען נאך שיקאגא, נור דער פאסאזשיר האט די רייזע אונטערבראכען.

— איז עס געווען א הער אדער א דאמע ?

— א דאמע.

— ווייסט איהר עס גאנץ גענוי ?

— גאנץ גענוי, אזא שעהנע דאמע פארגעסט מען ניט אזוי שנעל.

— איז זי אזוי שעהן ?

— דאס געזיכט איז געוועזען פארשלייערט, אבער איהרע בלאנדע לאקען זענען א זעלטענהייט.

נאכדעם ווי דער באהן בעאמטער האט געשילדערט דעם גאנצען אויסזעהן פון דער דאמע האט הער ווינטער מעהר ניט געקענט צווייפלען אז דאס איז געוועזען דארא.

ער האט זיך שנעל אריינגעזעצט אין א וואגאן און איז געפאהרען צוריק נאך ניו יארק און ווי ער איז נאר אנגעקומען איז ער אוועק צום פלאץ וואו דער אלטער קלעמענס האט איהם ערווארטעט.

— שוין לאנג דא ?

— געוויס, האט איהר עטוואס ערפאהרען ?

דער קאמיסאר האט דעם אלטען מיטגעטיילט דעם רעזולטאט פון זיין פארשונג.

— וועט איהר דיעזען שפור ווייטער פארפאלגען ? האט קלעמענס געפרעגט.

— דאס קען איך ניט.

— ווארום ?

(ווערט פארגעזעצט)

מיידלאך און ווייבלאך

אָרדערט אייערע דרעסעס ביי

מרס. גלאַסמאַן

מיט 5 דאלאר א דעפאזיט קענט איהר ארדערען די שעהנסטע און סטיילישסטע דרעסעס צו ביליגע פרייזען. אויב ניט צופרידען קריגט איהר אייער געלט צוריק. מיר מאכען אויך מיט אייער וואַרע, גוט און ביליג.

16 בעלוויו עוועניו
טעלעפאן טריניטי J 0538
4515־4־15)

נעלט צו אנטלייען

אויב איהר דארפט געלט אויף ערשטע, צווייטע אדער דריטע מארטגיידזשעס סעקיוריטי, טעלעפאנירט אדער זעהט מיך

מ. קאבלענס

212 מארקהאם סטריט.
טריניטי J 3669

נ י י ע ס !

דער איינציגער אידישער ארטיסט, וועלכער האט געטאן די קונסט דעקארייטינג אין דער לאנדענער, גאליציאנער, און די רוסישע שולען, ארבייט יעצט פאר זיך.

מיר ארבייטען צוזאמען מיט נאך עטליכע גוטע בעלי מלאכות. מיר מאכען קאנטראקטס אויף פענסי ארטיסט דעקארייטינג און דזשענעראל הויז פיינטינג פייפערהענגינג, גריינינג און פלאסטערינג. אלעס ווערט געטאן ערשט־קלאסישע ארבייט און צו מעסיגע פרייזען.

אונזער נאמען איז :

The UNITED ART DECORATORS

טעלעפאן לייקסייד W 5379
אדער טריניטי F 3894
4415־4־18)

פארלאנגט
Want Ads.

א שו"ב, א גוטער לעהרער און א גוטער בעל תפלה פארלאנגט א ריכטיגע שטעלע. צופרידענהייט גאראנטירט. שרייבט צו "זשורנאל" באקס 651
4486־4־21)

געלט צו לייען אויף ערשטע און צווייטע מארטגיידזשעס. פרעגען לאיער פייפערניק, 514 דאנדעס סט. וועסט.
276־4־20)

פארלאנגט א פאסיגע מיידעל אין א הארדוועיר סטאר מוז האבען פעהיגקייטען צו פארקויפען. גוטע רעפערענס. פרעגען סאלצמאנס הארדוועיר סטאר, 534 דאנדעס וועסט.
487־4־3)

פארלאנגט און ערפארענעם באנאז עמבראידערי אפערייטאר וואס קאן פארוואלטען מיט א פאבריק. אויך עקספיריענסד אפערייטערס. שרייבט צו :

Arrow Garter Mfg. Co. 489 St. Paul St. West., Montreal, P. Q.

498־4־3)

פארלאנגט פוירסט קלעס אפערייטערס צו ליידיס קאוטס און סוטס. פרעגען 554 קווין וועסט.
524־4־4)

פארלאנגט און עקספיריענסד פענטס אפערייטער. פרעגען 322 באטהורסט סט.
4624)

פארלאנגט א פוירסט קלעס דזשענטס פוירנישינג און קלאדינג סיילסמאן, איינער וואס קען דרעסען ווינדעס. פרעגען דזש. העריס, 12 קווין וועסט.
4604־4־3)

פארלאנגט און אונטער־פרעסער. פרעגען מאדעל קרעפט קלאוק קא. 129 ספעדיינע עוו.
502־4־3)

פארלאנגט א פרוי צו קיטשען ארבייט אין אידישען האספיטאל. גוט באצאהלט. פרעגען מרס. דווארקין, 525 דאנדעס וועסט.
500־4־4)

פארלאנגט שוסטער וואס קענען נייען ביים האנט. פרעגען 107 פראנט סטריט איסט, סילווער פוט וועיר קא.
4615־4־6)

חזן קאפלאנ'ס

נייער אדרעס איז

484 בראנזוויק עוועניו

טעלעפאן הילקרעסט W 5171
אפיס 11 קאלבארין סט.
טעלעפאן מיין 2907.

באיעס סוטס

אייער באוואוסטער דייוויס פון באיעס קלאדינג לאזט אייך וויסען אז ער האט א גרויסען סטאק פון באיעס סוטס, לאנגע און קורצע פענטס אויך ספרינג קאוטס, די שעהנסטע סטיילס, ראטשעסטער סטיילס, די בעסטע ארבייט, גוטע ווארע.

אויב איהר ווילט אז אייערע קינדער זאלען זיין יום טוב שעהן געדרעסט קומט צו מר. דייוויס 165½ קווין וועסט. טעלעפאן עדלייד 1114.
4485־4־21)

LOWEST RATE IN THE CITY
YELLOW CAB
LIMITED
MAIN 7300
"Every Mile a Smile"

גראמאפאן האספיטאל

מיר פיקסען אלע סארטען גראמאפאנס מיר גאראנטירען צופרידענהייט. פרייזען ביליג. מיר קומען נאך דעם גראמאפאן אין אלע טיילען פון דער שטאדט. אונזער אדרעס איז : 250 קווין סטריט וועסט. טעלעפאן מיין 0493.

בעווערלי גאראדזש

20 בעווערלי סטריט

א פלאץ פאר ריפיירינג, וואשינג און צו באטראכטען אייער אויטאמאביל. אלעס אין דער אויטאמאביל ליין געפינט איהר ביי אונז. קומט און גיט אונז א טרייעל. גוטע סורוויס.

דער איינציגער אידישער גאראדזש אין 20 בעווערלי סטריט.

הערי לאנגער, פראפ.
טעלעפאן עדלייד 1100
413־4־3)

מיר בויען און פאריכטען הייזער

מיר בויען און רופעירען הייזער, אונזער סורוויס איז זעהר עקאנאמיש. מיר גיבען ארכיטעקטאר'ס ראטה פריי. 512 מע'קימאנס בילדינג, טעלעפאן מיין 7638.
4358־4־13)

צו פארענטען
To Let

צו פארענטען א סטאר מיט דאבעל ווינדאוס און גוטע וואוינונג אין בעסטען ביזנעס בלאק אין איסט ענד קווין סטריט לעבען בראדוויו, פאסיג פאר יעדע ביזנעס. פרעגען 750 קווין איסט. ביליג רענט.

צו פארענטען א פלעט פון 2 אדער 3 רומס מיט אלע קאנוויניענס, עלעקטריק פיקסטשורס, סעפערעט גאז, קאפבארדס אין יעדער רום, מעסיגע רענט, סינק אין קיטשען פרעגען 16 לענערד עוועניו טעלעפאן טריניטי J 5395

צו פארענטען א פלעט פון דריי רומס, סעפרייט גאז, עלעקטריק, א סינק אין קיטשען, ניי דעקארירט, טעלעפאן, פרעגען 284 יוראן סטריט.
4593־4־3)

צו פארענטען א סטאר מיט רומס אין 821 דאנדעס נעבען פאלמערסטאן גוט פאר יעדער ביזנעס. פרעגען 351 יאנג סטריט.
4596־4־4)

צו פארענטען אן אפארטמענט פלעט 5 רומס, באטה, 185 מיקאל סטריט. פרעגען 224 סימקא סטריט. טעלעפאן עדלייד 5645
4620־4־6)

א 4 רומיגען אפארטמענט צו פארענטען זעהר ביליג. פרעגען 78 סענט פעטריק סטריט מרס. ריעד. טעלעפאן רענדאלף W 5335
4623־4־6)

צו פארענטען א 3 רומיגען פלעט, ניי דעקארירט, סינק אין קיטשען. באלקאני, 296 קראפארד סטריט טעלעפאן טריניטי J 0044
4627־4־6)

צו פארענטען אדער פארקויפען א 10 רומיגע הויז אין די ביטש נעבען לייק אלע קאנוויניענס, גלייך איבערצונעהמען אורזאכע פארלאזט טאראנטא. פרעגען גלעדסטאן W 2057
4625־4־6)

צו פארענטען א גרויסע סטאר מיט רומס, ניי דעקארירט, אלע קאנוויניענס. נאכפרעגען 326 דאנדעס וועסט
4617־4־16)

צו פארענטען 2 אדער 3 רומס מיט א באלקאני צו 2 אדער 3 פערזאן, אלע קאנוויניענס, גלייך אריינצוציהען. פרעגען 243 מיקאל סטריט נעבען קאלעדזש
4612־4־6)

יעקב מ. בענעט

(פון בענעט און סקמערא)

באריסטער. סאליסיטער
נאטאריעס א. ג. א.

2901 דאנדעס סט. וועסט טאראנטא
טעלעפאן דזשאנקשאן 9077
וואוינונג טעלעפאן דזשאנקשאן 983

ביזנעס שאנסען
Business Chances

פייפער הענגינג און פיינטינג

איך מאך די בעסטע דזשאבס אין פיינטינג און פייפער הענגינג. גוט און ביליג. בעסטע צופרידענהייט. טעלעפאנירט גלייך. טריניטי F 8316
מ. קירשענבוים, 100 דעניסאן עוו.
363־4־25)

פייפער הענגינג און פיינטינג

די אסינגטאנער פיינטינג און וואלפייפער סטאר לאזט וויסען זייערע קאסטומער אז מיר פיינטען און דעקארייטען אייערע הייזער צו די ביליגסטע פרייזען. אויך פארקויפען מיר פייפער צו די ביליגסטע פרייזען. גרויסער בארגיין אויף פיינט און וואל־פייפער. גיט אונז א טרייעל. טעלעפאנירט לייקסייד 0947 אדער לייקסייד 7581 — 166 אסינגטאן עוועניו. אייגענטימער סעם קאטץ.
4208־4־18)

טשעסטערפיעלדס

טשעסטערפיעלד סעטס געמאכט צו ארדער. די בעסטע מאטעריאל און ארבייט גאראנטירט. סייפט דעם ריטיילערס פראפיט. מיר מאכען אויך ריפיירס.
ניויארק טשעסטערפיעלד קא. 398 קאלעדזש סט. טעל. טריניטי J 5839
41־4־6)

דר. ס. פערלמאן

דענטיסט

198A קווין סט. וועסט

טעלעפאן עדלייד 7279
הויז טעל. הילקרעסט W 6373
אפען אווענטען.

פרייזען פאר קלאסיפייד אדווערטייזמענטס

"פארלאנגט" און "צו פארענטען" אדווערטייזמענטס.

25 סענט קעש א ל ביז 25 ווערטער. פאר 35 סענט, אויב דורך א "טשארדזש אקאונט".

יעדעס ווארט איבער 25, ווערט נערעכענט צו סענט א ווארט.

ציפערען ווערען גערעכענט. יעדער ציפער באזונדער אלס א ווארט.

פאר קעפלאך איבער די אדווערטייזמענטס ווערט גערעכענט 25 סענט עקסטרא פאר יעדען טאג.

פאר „באקס סורוויס" 10 סענט עקסטרא

צו פארקויפען, ריעל עסטייט, ביזנעס שאנסען און אלע אנדערע אדווערטייזמענטס אין די קלאסיפייד קאלומס — 2 סענט א ווארט.

קלאסיפייד דיספליי

6 סענט א אינטש שורה

מיט נאטיצען אדער לויזע — פראנט פיידזש 5 דאלאר, אנדערע פיידזשעס 3 דאלאר

אדווערטייזמענטס וועלכע נעמען "יורק'ז טעלעפאן, נאר פון די יעניגע וועלכע האבען מיט אונז א "טשארדזש אקאונט".

דער "זשורנאל" וועט ניט זיין פאראנטווארטליך מעהר ווי פאר איין ניט ריכטיגע אינסורשאן אויב מען האט ניט געלאזט וויסען דעם טעות אין דעם ועלבען טאג. איז עס דעם אדווערטייזער'ס פארלוסט.

קויפען און פארקויפען
Bought and Sold

צו פארקויפען א קאמפליט טיילאר שאפ, 8 מאשינען, 4 ספעשעל מאשינען אונזא ריעס מאשין, 2 פרעס מאשינען, ביליג רענט. טעלעפאן טריניטי 4991
4611־4־4)

צו פארקויפען א גוטען קארנער, דאנדעס נעבען מארקהאם, גוט פאר עני ביזנעס מיט קליינע קעש. אויך פילע הייזער און סטארס אין פארשיעדענע געגענדען פון שטאדט. פרעגען טריניטי
4613־4־3) 2456 W

צו פארקויפען א סאליד בריק, א רומיגע הויז מיט א פעקטארי אין ריהר סטים היט. אורזאכע אפרייזען. שרייבט „זשורנאל" באקס 654
4614)

קליידער שאפעס

אויף גראמאפאן טייבעלס, גוט ווי ניי, אוק און מאהאגאני, צו פארקויפען ביליג 295 קאלעדזש סטריט.
404־4־7)

קענדי און אייז קרים פארלאר; אין בעסטען ספאט פון שטאדט; לעבען שעים היפאדראם, מיט אדער אהן אן אפארטמענט, רענט מעסיג, א גוטע געלעגענהייט פאר א פעהיגען ביזנעסמאן. מוז און וועט פארקויפט ווערען ביליג. אורזאכע אויפ'ן פלאץ. נאכפרעגען 428 בעי סטריט, געגענאיבער סיטי האל.
4622)

$1.00 א לעסאן. לערנט זיך אויס פיהרען אלע סארטען קאדס. עס זענען דא פאזישאנס. זעהט מר. ווילי, 204 בראנזוויק עוועניו. טריניטי W 2437
4619־4־6)

הויז פוירניטשור צו פארקויפען, אזוי ווי ניי. אורזאכע פארלאזט טאראנטא. 210 אגוסטא עוו.
4626־4־4)

ראש ריעלטי לימיטעד

צום טאראנטאר פובליקום !

אויב איהר ווילט קויפען,
אדער פארקויפען,
הייזער אדער ביזנעס,
קליינע אדער גרויסע,
ביליגע, אדער טייערע,
נאהענט אדער ווייט,
עס מאכט ניט אויס וואו עס איז קומט צו :

מר. ראש
287 ספעדיינע עוו.

וואו איהר קריגט דעם בעסטען צופרידענשטעלענדען דיל.
טעלעפאן טריניטי 2440.
415־4־27)

רעוו. שואל זאב גרינגארטען

26 סיסיל סטריט
איז דער באוואוסטער ערפאהרענער
מוהל ומסדר קדושין
טעלעפאן טריניטי W 7412

מיין פערזענליכען בעסטען אטענשאן גיב איך סיי אין האספיטאל ווי אויך פריוואט

עלעקטרישען

הויז וויירינג און ריפיירס, עסטימיטס. קיין דזשאב צו גרויס אדער צו קליין. קיין שאדען צו די דעקאראציעס ביים פיקסען.

דזשיי דזשייקאבסאן
27 באלדווין סטריט
טעלעפאן טריניטי J 3248

ZIG-ZAG
סיגארעט פאפיר
קיין סומע געלט קען קויפען בעסערע.
גרויסע ביכלאך פון 120 בלעטלאך.
יעצט 5c
פארמיידעט נאכמאכונג

אין 1892
האבען מיר צום ערשטען מאהל געאפערט דעם עולם אונזער
"SALADA"
TEA
מיליאנען געברויכען עס יעצט מיט גרויסער צופרידענהייט.
האט איהר עס געפרובירט?

דער אידישער פראפעסאר

א היסטארישער ראמאן,
פריי בעארבייט, ספעציעל
פאר'ן „אידישען זשורנאל"
פון מ. ר.

היינטיגע פארזעצונג

— צום מארש, מיט דראנג און שטורעם, האט אין א באפעהלענדען טאן אפיאן אויסגעשריגען. אבער וואס איז געשעהן? דער וואנגארד איז שטעהען געבליבען, און דערמיט געשטערט די ארדענונג פון די מארשירענדע. די געהער זענען צוזאמענגעדרענגט געווארען, און ניט אומשטאנד געווען זיך צו באוועגען. און באלד האט זיך געלאזט הערען א פארצווייפעלטער געשריי: „די מכשפה" די מכשפה פון „פארוס" האט זיך איינגעבראכען! וועמען עס איז טייער דאס לעבען זאל זיך צוריקקעהרען. צוריק! בירגער! די „העקאטישע טאכטער" (די לבנה געטין) איז צווישען אינז, וועלכער'ס אויגען ברענגען טויט און פארוויסטונג. און באלד האט זיך פאר פיעלע אויגען באוויזען דאס געזיכט פון א אלטער „עקסע", אין א שרעקברענגענדעם אויסזעהן, און נאכדעם דער גאנצער עקעלהאפטער קערפער, איינגעהילט אין א צעריסענעם ווייסען קלייד. אייזיש־גרויע האר, זענען ווי פעדערען פונ'ם ווינט געפלויגען; איהרע גרינע אויגען האבען געברענט, און ביז צום ציטערען געבראכט. איהר מויל איז פארקרומט געווען, איהרע, ווי שטעקעלאך דארע הענט, אין דער הויך געהאלטען. די שווארצע שמוציגע פיס האבען זיך רעכטס און לינקס באוועגט, און א ווילדעס הייזעריגעס געשריי האט זיך פון איהר האלז ארויסגעריסען:

— צוגעהט אייך! צוריק לומפען! איהר האט ניט די ווערט זיך אנצורופען גריכישע זיהן, איהר פארשטאפטע מחות, וועלכע זענען לעדיג פון דעם מינדעסטען פארשטאנד, אין עם אומשטאנד צו פארשטעהן, און אונטערשיידען פון ווארהאפטיגעס ביז אויסגעטראכטעס. בלוטדורשטיגע חיות! איהר ווילט זיך ארויפווארפען אויף אומשולדיגע מענשען, בעפאר איהר האט זיך איבערצייגט אין דער ריכטיגקייט פון דעם פארברעכען. ניט די אידען האבען דאס שולדערליכע פארברעכען באגאנגען, ניט זיי האבען דאס פארשוועכונג אויסגעאיבט, נאר פון אונזערע איינענע איז דאס מיט א פאראויסבאשטימטען צוועק געטאן געווארען. פון אונזערע איינענע לומפען, מערדער און רויבער, איז די געוואגטקייט געקומען.

— שווייג בעסטיאלישע עקסע! האט אפיאן אויסגעשריגען. די אידען האבען דיך אונטערגעקויפט. שרעקט זיך ניט בירגער, זי איז ניט די „העקאטעשע טאכטער", נאר א פשוט'ע פארקויפטע בעסטיע.

— הערט מיך אויס איהר פארפיהרטע, האט די אלטע, שוין געלאסענער גערעדט. איך האב גלייך מיט אייך ניט ליעב די אידען. איך ווייס גלייך מיט אייך, אז זיי זענען די שענדער פון אונזערע הייליגע געטער, זיי זענען די, וועלכע ציהען אפ אונזערע קינדער פון אונזער גלויבען. איך קען אבער פון דעם אמת, און וועלכען איך בין איבערצייגט, ניט אוועקגעהן... ניט א איד האט בארויבט, פארשוועכט, און פאראומהייליגט אונזער טעמפעל, נאר אן אונזעריגער, א נידערטרעכטיגער גריך.

מיט מיינע אויגען האב איך געזעהן, ווי ער האט זיך אריינגע'גנב'עט אין אינזער טעמפעל, און האט אראפגענומען דאס ציהרונג פון דער הייליגער הערא. צוליעב מיין שוואכקייט בין איך אריינגעגאנגען אין אונזער טעמפעל זיך אפצורוהען. איך האב מיך אנידערגעלעגט אונטער דעם בילד פון דער הייליגער, און אנגעפאנגען צו דרימלען. און דא האב איך אין מיין דרימלען דערהערט טריט. מיט געוואלד האב איך מיינע אויגען אויפגעריסען, און דערזעהען ניט ווייט פון מיר א מאן מיט א לאנגער בארד, איינגעהילט אין א מאנטעל פון א פילאזאף, וועלכער האט זיינע אויגען אין אלע זייטען געריכטעט, צו זיין זיכער אז קיינער געפינט זיך ניט, און גלייך צוגעגאנגען צום הייליגען בילד. איך האב מיך אונטער'ן בילד איינגעקארטשעט, כדי ער זאל מיך ניט באמערקען, אבער מיינע אויגען האב איך גלייך אויף איהם געריכטעט, און טיעף אין זיין געזיכט זיך איינגעקוקט, און וואס האב איך געזעהן? אה! הייליגע הערא... צום ערשטען האט ער דעם גאלדענעם בראסליעט פון דער הייליגער'ס האנט אראפגעריסען, און, ווי א געשיקטער גנב אויף זיין האנט אנגעטאן, און נאכדעם — הייליגע געטער מיינע! — האט ער פון דעם מאנטעל קעשענע א שווארצען שטויב ארויסגענומען, און עס א שיט געטאן גלייך אין הייליגען געזיכט, און דאס ליכטיגע פנים איז אזוי העסליך געווארען אז איך בין שיעור פאר וועהטאג אין אונמאכט געפאלען. איך האב געוואלט אנהויבען שרייען און רופען צו הילף. איך האב זיך אבער באַרעכענט, אז א לומפ וועלכער קאן זיך וואגען צו באגעהן אזא הימעלשרייענדען פארברעכען, וועט זיך ניט אפהאלטען פון א מארד מיר צו באגעהן.

— עס איז ליגען! א אויסגעטראכטע מעשה פון א קראנקער פאנטאזיע... — האט אפיאן מיט ציהן קריצענדיג אויסגעשריגען, גלייבט ניט בירגער אין די רייד פון א פארפלוכטער מכשפה.

— גיב אונז א צייכען אז דו זאגסט אמת, האט זיך פון דער מאסע געלאזט הערען, וועלען מיר די אידען ניט אנריהרען.

— גוט, גיט מיר צייט אויסצוזוכען דעם פארברעכער. אבער... אט איז ער דא... האט זי ווילד אויסגעשריען, אט שטעהט ער דא פאר אייך, האט זי מיט דער דארער האנט אויף דעמעטריוס אנגעוויזען... דעמעטריוס, וועלכער איז פון דעם געדראנג אין דער ערשטער ריי־הע אריינגעשטויסען געווארען, האט זיך בשום אופן ניט געקענט דורכשלאגען א וועג צו אנטלויפען, פיעלע נייגעריגע האבען איהם ארומגערינגעלט, און ווי אן אייזערנע וואנד געבליבען שטעהן, נעבען איהם איז גראדע געשטאנען א צענטורע (א אפיצער איבער הונדערט) צוזויפגעלעגט די הענט, און גלייכגילטיג צו דער סצענע זיך צוגעקוקט.

— צענטורע! האט די אלטע הייזעריג געשריגען, נעהם דעם פארברעכער־פילאזאף און ארעסטיר איהם. דער צענטור אבער האט זיך פונ'ם ארט ניט גערירט, גלייך ווי עס געהט איהם גאר ניט אן.

— איך זאג דיר ווידער אמאל, האט זי ווילד געשריגען, ארעסטיר דעם סאָפיסט. איך באשולדיג איהם, אז ער האט פארשוועכט און פאראומהייליגט אונזער געטין הערא און דעם הייליגען טעמפעל.

— באהיטען מיך די געטער, האט דער צענטורע אויסגערופען, א גריך וועט אזא פארברעכען ניט באגעהן, איבערהויפט נאך א אנגעזעהענער פילאזאף.

— הייסט עס, דו ווילסט ניט ערפילען דעם חוב, וועלכען דיין אמט לעגט אויף דיר ארויף?

— ניין, און נאכאמאל ניין...

— גוט, וועל איך איהם אליין משפט'ן. און לייכט ווי א קאץ האט זי א שפרונג געטאן צו דעמעטריוס'ן, וועלכער איז פאר שרעק פארשטארט, ווי א סטאטוע געשטאנען. מיט אן אומגעוועהנליכער קראפט, זיין מאנטעל אראפגעריסען, און ווי מיט צוואנגען האבען איהרע סקעלעטע הענט זיך אין זיינע איינגעקלאמערט, און זיי אין דער הויך אויפגעהויבען, און פאר יעדענ'ס אויגען האט א בליאסק געטאן דער גאלדענער בראסליעט.

— זעהט בארבארען. בין איך א ליגנערין? אט איז דער בראסליעט אויף וועלכען דאס בילד פון אונזער געטין הערא איז גראווירט. און אט אין דער אנדער זייט, דער נאמען פון דעם, וועלכער האט עס איהר געשענקט...

עס איז אונמעגליך צו שילדערען דעם שטורעם וועלכען די סצענע האט אריינגעבראכט צווישען דער פארזאמעלטער מאסע. די אויפרעגונג איז פון מאמענט צו מאמענט אלץ שטארקער געווארען, און ווי ווילדע חיות, האבען זיך די מעהר אויפגערעגטע ארויפגעווארפען אויף דעמעטריוס'ן, איהם צו לינטשען. און מיט שווערער מיה איז דעם צענטורע מיט דער הילף פון מעהרערע סאלדאטען געלונגען, איהם פון זייערע הענט ארויסצוציהען, כדי צו ארעסטירען איהם און אלע פארזאמעלטע זענען מיט קללות אויף זייערע ליפען, פארשעהמטע און אפגענארטע, בישלעכטווייז זיך צעגאנגען.

(ווערט פארגעזעצט)



דאד'ס קידני פילס זענען בלויז א נירען רפואה. זיי העלפען רומאטיזם, לאמבאגא, ברייט'ס קראנקהייט, דייאעביטיז, רוקען שמערצען, האריז־שמערצען, און יורינארישע ליידען. ווייל אלע פון זיי זענען אדער נירען ליידען אדער זענען פאראורזאכט דורך דער אונארדענונג פון די נירען, און דאדורך קענען זיי נים טאן זייער ארבייט.

מיר האבען געהאט א חשוב'ען גאסט—

ער איז איינער פון די גרעסטע רבנים אין דער וועלט און זיין נאמען רופט ארויס דעם טיעפסטען יראת הכבוד ביי יעדען אידען. קומענדיג קיין סינסינעטי, האט ער געהאלטען פאר זיין פליכט, ווי פיעלע רבנים פאר איהם, צו באזוכען די מאנישעוויץ בעקערי. שטונדען־לאנג איז ער ארומגעגאנגען איבער דעם ריזיגען בנין און באטראכט אויפמערקזאם יעדע אפטיילונג און צוגעקוקט זיך צו דער וואונדערליכער מאשינערי און פארשידענע זעלטענע איינריכטונגען.

"אז די מאנישעוויץ מצה־בעקערי האט צו זיך קיין גלייכען לויט דער כשרות וואס הערשט דארט, האב איך געוואוסט פון די פיעלע הסכמות וואס מיר איז אויסגעקומען צו לייענען", — האט דער גרויסער גאון באמערקט, — "דעם שטארקסטען איינדרוק האט אויף מיר אבער געמאכט די זעלטענע ריינליכקייט, די וואונדערליכע זויבערקייט וואס הערשט אין אלע ווינקעלאך, און ווי זאגט א פארצייטיגער אידישער דענקער— "נקיות מביאה לידי שלימות" — ריינליכקייט ברענגט צו פאלקאמענהייט!".

מאנישעוויטץ־מצה
די מצה מיט אלע מעלות.

ווילט איהר אריבערברענגען אייערע
פריינד אין קאנאדע?

דער בעסטער און לייכטסטער וועג צו מאכען אלע אראנזשמענטס צו אריבערברענגען אייערע פריינד און קרובים אין קאנאדע, איז צו קויפען א וויט סטאר דאמיניאן ליין צו געצאהלטע שיפס־קארטע אין אירגענד־וועלכען וויט סטאר דאמיניאן טיקעט אפיס אדער אירגענד־וועלכען רעילוויי אדער סטימשיפ אפיס אין קאנאדע.
דיזע שיפס־קארטע וועט צוגעשטעלט ווערען ביי דעם וויט סטאר דאמיניאן טיקעט אפיס אין אייראפא וועלכער געפינט זיך אם נאהענטסטען צו אייערע פריינד אדער קרוב. עס געפינט זיך א וויט סטאר אפיס אין יעדען וויכטיגען לאנד אין אייראפא.
פילשטענדיגע אינפארמאציעס וועגען פאספארטען און אלע אנדערע געזעצליכע פאדערונגען פאר די אימיגראנטען קאן מען באקומען פריי פון

H. G. Thorley
41 קינג סט. איסט,
טאראנטא, אדער לאקאלע רעילוויי און
סטימשיפ אגענטען.

WHITE STAR-DOMINION LINE

אין „פאלאס קאורט"

א ווייבעל א כוואט.

אויב עס געפינט זיך א מענש וואס וויל זיך באקאנען מיט א ווייבעל א כוואט — קאנען מיר פאר איהם פארשטעלען דאס באליעבטע ווייבעל עלען בעק. דאס איז א ווייבעל מיט אלע אימפּרואוומענטס און אלע מעלות. מיט אזא ווייבעל קאן מען אריין גלייך אין גן־עדן אהן א טראנספער.

וואס מיט'ן ווייבעל איז געשעהן, איז ניט אזוי ניי ווי פיקאנט, ניט אזוי פריש ווי טשיקאווע. בייזע צינגער האבען אויסגעטראכט, אז דאס ווייבעל איז אוועק אין א האטעל און האט דארט איבערגענעכטיגט אונטער איין דאך מיט א פרעמדען מאנסביל. האט מען דאס באטראכט פאר א גרויסען חטא, און מען האט געמאכט א טומעל, פונקט ווי מען וואלט א מיניסטער ביי א גנבה געכאפט.

וואס דער סוף איז געווען, קאן יעדער איינער אליין טרעפען. אבער מיר ווילען ביי קיינעם ניט פארנעהמען קיין צייט, און מיר זענען גרייט צו ענטפלעקען דעם סוד, אז דאס ווייבעל געהט אויף זעכציג טעג אין קאטוף. דער פרעמדער מאנסביל דארף צאהלען א הונדערטער מיט "קליין געלט", אדער אפזיצען דריי חדשים אין תפיסה.

אויסגעפיהרט האט אבער דאס ווייבעל זי האט געוויזען, אז מען קאן אהן חופה וקדושין א ו י ך אויסקומען...

א מעשה מיט א פלעשעל.

ווי איז דער דין, אז מען כאפט ביי א מענשען ביטערע סחורה אין א פלעשעל? איז דאס פלעשעל פונקט אזוי טריף ווי די משפחה? אדער איז די משפחה כשר און דאס פלעשעל טריף?

מיט אזא שווערען דין איז נעכטען געווען פארנומען די מאדאם גערעכטיגקייט פון דער מאנסבילישער שוהל. מען האט זיך וועגען דעם שווערען ענין שטארק געקאכט, און אז מען האט זיך איבערגעקאכט ווי עס באדארף צו זיין, האט מען ערשט אראפגענומען די האנט פון הארץ און מען האט געפסק'ענט, אז די משפחה איז טריף און דאס פלעשעל איז — א ו י ך טריף.

וועגען וועמען עס איז געקומען צו רייד? עס האט זיך געהאנדעלט וועגען דעם שווערען פראצעס פון דעם שווערען מענשען דזשיימס באטלער. מען האט ביי איהם געפונען משקה. האט מען איהם שטראפירט מיט א היסטארישען פופציגער און "קאסט". און מען האט באשלאָסען, אז די משקה זאל קאנפיסקירט ווערען. דערנאך איז ענטשטאנען א וכוח וועגען דאס פלעשעל: וואס זאל מען טאן דערמיט? זאל מען עס אוועקשענקען פארן פאנד צו אויסלייזען די אמעריקאנער מיניסטארען פון גוי'אישע הענט? איז טאקי געבליבען, אז ניין: מען דארף בעסער קאנפיסקירען דאס פלעשעל און אוועקשטעלען עס אין דעם ארכיוו פון דער טרוקענער עפאכע. זאלען מענשען וויסען וואס פאר א טייערען אנטיקעל "פּראהיבישאן" האט ארויסגעגעבען!

מיר זענען אבער מיט'ן פסק־דין ניט צופריעדען. מיר שטעהען נאך אליין און האלטען און איין פרעגען: מיט וואס האט זיך דאס ארימע פלעשעל פארזינדיגט? וואס איז זי שולדיג, אז איהר באליבאס קריכט אין פרעמדע פעלדער?!

זי איז א מסוכה'נער חולה.

איהר הייליגער נאמען איז מיסעס שטארקמאן. איהר מאן האלט א גראסערי צווישען די אראנזש־סעבער פון מארקהעם סטריט. אז זי איז פארהייראט, פארשטעהט מען שוין אליין. מען דארף אבער באמערקען, אז די פאליציי איז נאך דערמיט אליין ניט צופריעדען. זי פאדערט אויך, אז מענשען, וואס האלטען גראסעריס און זענען הונדערט פראצענט פארהייראט, זאלען ניט אפזיצען קיין שטארקע געטראנקען אהן דער ערלויבניש פון דער געזעצליכער ברידערשאפט.

אבער גאט טראכט און דער מענש לאכט. און אזוי לאכענדיג און פייפענדיג האט זיך דער ארימער מאן פון דער ארימער ווייב פארגעסען, אז עס איז "פּראָהיבישאן" אויף דער וועלט און האט זיך פארטשעפעט מיט דער טרוקענער געזעלשאפט. דעטעקטיווס זענען אריין אין דער נאסער ממשלה פון דעם נאבעלען גראסערי־מאן און האבען פון דארט ארויסגעשלעפט א גאלון אלקאהאל. הייסען הייסט עס, אז די משפחה איז געפונען געווארען ערגעץ אין א גאראדזש הינטער דער גראסערי. אבער די פאליציי זאגט, אז דאס איז אלץ איינס ווי מען וואלט געפונען די משקה אין סטאר גופא.

בקיצור, וואס טויג אונז האלטען דעם עולם ביז שפעט אין דער נאכט? דער קאנצערט איז שוין אריבער, און דער עולם איז געבעטען צו פארשרייבען, אז דער פיעל געליעבטער גראסערי מאן איז שטראפירט געווארען מיט גאנצע 6 פופציגערס און הוצאות החתונה, אדער דריי חדשים זיצעניש. די אידענע האט אפילו געזאגט, אז זי איז לא עליכם'דיג און זי קאן אהן משקה ניט אויסקומען. אבער די גערעכטיגקייט איז געבליבען טויב אויף ביידע אויערען — און געה טענה צו די ווענט!

אז מען רעדט, אז די אידענע איז א מסוכה'נער חולה — איז דאך פארשפארט צו האלטען רעדעס!

נייעס

מר. פעלדמאן פון די באיעס קלאדינג, לאזט וויסען אז יעדער איינער קאן קויפען ביי איהם די שעהנסטע באיעס סוטס, אווערקאוטס און פענטס. בלויז מיט א קליינער איינצאהלונג און מיט 1 דאלאר א וואך אויסצוצאהלען. עס וועט אייך אזוי ארום אנקומען גרינג און אייערע קינדער וועלען זיין באקליידט. איהר קענט אויך ארדערען אלעס אויף אויסצוצאהלען מיט בלויז 1 דאלאר א וואך.

ביי אונז קריגט איהר צו קויפען גוטע מענער סוטלענקס און פענטס לענקס ביליג.

ב. פעלדמאן, 545 קווין סט וועסט
טעלעפאן עדלייד 4792.

4184-4-29)

THOMAS'
ECLECTRIC
DOSE SMALL-EFFECT SURE
FOR DIRECTIONS
SEE INSIDE CIRCULAR
PRICE 35 CENTS PER BOTTLE
OIL
S. N. Thomas

שטענדיג
פארלעס־
ליך.
גענוצט פאר פילע יאהרען אין טויזענדער קאנאדער היימען צו העלפען שניטען, וואונדען, ספריינס, קאלדס, הוסטען, לייס בעק א. אז. וו.
דר. טאמאס
עקלעקטריק
אויל

בייליפס
און אקשענירס
רענט קאלעקטארס, טשארטער מארטגיידזשעס, ליענס און ווארראנטס אטענדעט.
ל. דייווידסאן און קאָ.
331 בעי סטריט, רום 218.
טעלעפאן מיין 1037

M. BROWN,
INSURANCE OF ALL KINDS,
147 SEATON ST.,
PHONE MAIN 2364W

באראט זיך מיט אונז
אײדער איהר מאכט אויס אייערע איינקאם טעקס ריטורנס זעהט זיך מיט
Westbeare, King & Co.
אקאונטענטס, פינאנשעל אגענטען און טראסטים.
501 קענט בילדינג
טעלעפאן — מיין 1590

טעלעפאן עדלייד 5615
דר. מ. קייטס
דענטיסט
218½ קווין וועסט
(קארנער מיקאל סטריט)
טאראנטא.

Mme Regina's
מילינערי
איך אימפארטיר די רייכסטע און שעהנסטע העטס פון אמעריקא. די לעצטע סטיילס.
קינדערשע העטס מיין ספעציאליטעט. צו ביליגע פרייזען.
252 מעקאל סטריט
לעבען קאלעדזש.
פאן: טריניטי 5242.

האט איהר אויגען טראבעל?
האט איהר קאפ שמערצען?
דאן זעהט זיך מיט דעם אידישען
אפטאמעטריסט
— און אפטישען —
וועלכער איז אויטאריזירט פון גאווערמענט
דר. הענרי העררים
279 קאלעדזש סט.
(לעבען ספעדיינא)
אפען ביז 9 אוהר אין אוונט
DR. HENRY HARRIS
EYESIGHT SPECIALIST
Phone Trinity 6604
279 College St. Near Spadina
Open until 9 p. m.

פאוסט
אין סטענדערד טעאטער
אראטאריא פרעזענטירט פון

מאעסטרא קאבאנאי
מיט די בעסטע טאלאנטען פון זיין סטודיא.
דעם 10־טען אפריל, 8 אוונט
פאר'ן בענעפיט פון דער
תלמוד תורה
און ציון בית הספר.

בייליפס
ספיין און קאמפ.
201 מיענינג טשעמבערס, 72 קווין סטריט וועסט
לענדלארדס ווארענטס, טשאטעל מארטגיידזשעס עקזעקיוטעט

דאס איז אייער לעצטע געלעגענהייט
האלסייל און ריטייל

אויב איהר דארפט וואס־ניט־איז אין דריי גודס אדער באלעבאטישקייט־גודס — טא פארלירט ניט קיין צייט און קומט צו דעם סייל פון די פרענקלין טריידינג מילס, וואס געפינט זיך איצט אין 181 דאנדעס סטריט, וועסט. מיר געהען ארויס פון ביזנעס און דער גאנצער סטאק מוז פארקויפט ווערען אין די נעקסטע צעהן טעג. די צייט איז קורץ. מיר קאנען אייך פארשפרעכען אז איהר וועט סייפען פיעלע דאלאר.

מיר האבען צו פארקויפען

לייליכער, קאטענע און פובענע קאלדרעס, קינדערשע קאלדרעס געשטאפט מיט "גריב וואהל", עמברוידערטע טייבעל קלאטס און סקארף קאווערס, ניו־יארקער ווינדא פענעלס, פעדערנע קישענס, קאשענס, ליידיס און קינדערשע זאקען, גינגהאם הויז־דרעסעס, "טעמס", לינענע טייבעל קלאטס, "שיעטינגס", טיקינגס, און אויך פיעלע אנדערע ארטיקלען, וועלכע זענען צופיעל צו אויסרעכענען אויף דיעזען פלאץ. מיר האבען אויך מאסען פעטערנס פאר מענ'ס און באיעס קלאטהינג, א גרויסען פלאטפארם־טראק, און אלערליי עלעקטרישע און סטאר פיקסטשורס.

די סטאר איז אפען פון 10 פריה ביז 10 אוונט.

Franklin Trading Mills, 181 Dondas W.

באקאנטמאכונג צו טאראנטאר אידען
די פעקטארי פון די
סיטי דיי וואירקס
349-51 קאלעדזש סטריט
איז איבערגעמופט געווארען אין א ספעציעלען ניי־ערעפענטען, מאדערנעם, און באקוועמען פלאץ, אין
138-146 קלערמאנט סטריט
מיר זענען איצט אימשטאנד צו אטענדען צו הונדערטער נייע קאסטומער פאר
קלינען, פרעסען, פארבען און ריפּיירינג
אונזער נייער פלענט גיט אונז די מעגליכקייט פאר שנעלע און צופרידענע ארבייט. דעליווערט גלייך צו אייער הויז.
אונזער אפיס בלייבט ווי געוועזען אין
349-51 קאלעדזש סט.
רופט אונז גלייך ווען איהר דארפט קלינען, פארבען אדער ריפּיירען אייערע קליידער. אונזערע אויטאמאבילס שטעהען גרייט צו אייער דיענסט.
CITY DYE WORKS, Ltd.
Master French Cleaners & Dyers, 349-351 College St.
טעלעפאנס טריניטי 2628, 2629

CANADIAN PACIFIC
שיפסקארטען
ווען איהר שיקט נאך אייערע פריינט פון אייראפא אדער איהר ווילט פאהרען נאך אייראפא דענקט וועגען דער
קענעדיען פאסיפיק שיפס־געזעלשאפט
א דירעקטע פארבינדונג פאר אירגענד וועלכען לאנד אין אייראפא. כשר עסען פאר אימיגראנטען, ארענטליכע, פאראנטווארטליכע באגלייטער מיט יעדען טראנספארט. נאך אינפארמאציע ווענדעט זיך צו אונזערע אויטאריזירטע לאקאלע אגענטען.
דזשיי. א. פארקער
גענעראל פאסאזשיר אגענט
1 קינג סט. איסט, טאראנטא.
עדלייד 2105.

כלויז חזן וולאדאווסקי

אין אנשטענדיג, ריין און פארזיכטיג
אלס מוהל
און מסדר קידושין.
אלע עלטערן פון קינדער זאלען דאס נעהמען אין אנבעטראכט, ווייל דאס איז אין זייער אייגענעם בעסטען.
קאנטרי לייט קענען מיר אויך רופען אויף זייערע שמחות.
וואוינונג 62 בראנזוויק עוועניו
טעלעפאן טריניטי 1076.
פאר ארימע אומזיסט.

THE HEBREW JOURNAL
דער אידישער זשורנאל
H. Winberg, Pres. & Gen. Mgr.
The Only Daily Jewish Newspaper In The Province of Ontario.
PUBLISHED BY
CANADIAN JEWISH PUBLISHING Co. Ltd.
251—253 Queen Street West Telephone Adelaide 3967
Subscription Rates $6 PER YEAR, $3.50 SIX MONTHS
Single Copy — 3 cents
Entered as Second Class Mail Matter at C. P. O. Toronto Ont.
January 22nd 1913

דער שווארצער שדים טאנץ

מען האט זיך געקאנט משער זיין, אז גענעראל לודענדארף, דער העלד פון דעם דייטשען יונקערטום, וועט אין תפיסה ניט פארשיקט ווערען. דער פראצעס איז געווען אן אנשטעל, א מין קינדער־שפיעל. די פראצעדורע איז אפשר געמאכט געווארען מעהר כלפי חוץ איידער כלפי פנים — מעהר פאר דער אויסערליכער וועלט איידער פאר דער אייגענער ברידערשאפט. די גאנצע צייט פונ׳ם פראצעס האט מען געקאנט ארויסזעהן די שמד־שטיק, די מוטוויליגע שטעלונג פון די ריכטער צו דעם ״אנגעקלאגטען״, און מען האט זיך באדארפט ריכטען, אז לודענדארף וועט ארויס פון געריכט א פרייער מענש.

אבער אז מען זאל פון לודענדארפ׳ס נצחון מאכען אן אפענע מאנארכיסטישע דעמאנסטראציע, — דאס איז שוין שלא כדרך הטבע. אין דער נצחון פון דעם דייטשען יונקער ווערט איצט געפייערט אין מינכען אויף אן אופן, אז דאס בלוט קאן אין די אדערען אויפגעקאכט ווערען; אז די פויסטען ווערען פון זיך אליין צונויפגעדריקט. אין מינכען האט זיך אפגעשפיעלט א שווארצער שדים־ספעקטאקעל, וואס האט צו זיך ניט קיין גלייכען מיט זיין פרעכהייט און זיין צינישקייט. דער העלד פון טאג איז מיט בלומען־קראנצען באשאטען געווארען. מיליטערישע באנדעס האבען איהם מיט פייקען און טרומייטען אויפגענומען. און פאר איהם א ווארע געמאכט ווי פאר א זיגער פון א גרויסער שלאכט.

און נאך מעהר האט זיך ארויסגעוויזען דער גייסט פון דער שווארצער גווארדיע דערמיט וואס קיינער האט ניט פרובירט מאכען אן ערנסטען פארזוך צו אפשטעלען דעם מארש. עפעס האט מען יא געטריבען דעם עולם. אבער געווען איז עס א פאלשער אנשטעל צו פארווארפען די אויגען מיט זאמד, כדי מען זאל ניט ארויסזעהן דעם שענדליכען ספעקטאקעל אין זיין פולער גרויס. לודענדארפ׳ס חוצפה ביים פארלאזען דעם געריכטס־זאל האט ארויסגערופען א גערודער אפילו צווישען די פארקויפטע נשמות פון דעם בייערישען טריבונאל. ער האט גערעדט מיט חוצפה צום פראקוראר און האט זיך דורכאוים אפגעזאגט צו ארויסגעהן דורך דער הינטער־טיר; ער האט דוקא געוואלט ארויסקומען דורך דער פאראד־טיר, כדי צו ציהען די אויפמערקזאמקייט פון די מאסען.

לודענדארף איז א פרייער מענש, און היטלער איז צו א קליינעם געפענגניש־טערמין פאראורטיילט געווארען. אבער זאל מען זיך ניט שרעקען פאר היטלער׳ס קאפ. ער וועט גאנץ זיין. ער וועט ארויס פון תפיסה נוי א העלד, — פונקט ווי לודענדארף איז ארויס פון געריכטס־הויז מיט א נצחון־שמייכעלע אונטער זיינע מיליטערישע וואנצעס. אפילו די אנדערע פראסטערע מענשען, וועלכע זענען אין דעם משפט געווען פארמישט, וועלען אויך ניט צופוילט ווערען אין תפיסה. מען וועט זיי איינציגווייז ״באגנאדיגען״ און מען וועט זיי שפעטער ארויפזעצען אויף א רעגירונגס־ביינקעל. אזעלכע העלדען זענען פאר דער מיליטעריש־מאנארכיסטישער גווארדיע ווי א באלזאם פאר א וואונד. די שווארצע חברה נויטיגט זיך אין זיי ווי אין א שטיין־פונקט פאר איהרע אנטי־רעפובליקאנישע אוואנטורעס.

שווארצע שדים טאנצען איצט א קאדריל איבער די גאסען פון מינכען, און די יונקערשע באנדעס אין דייטשלאנד און אין די אנדערע מיליטעריש־געשטימטע לענדער שטעהען פון דערווייטענס, און אפלאדירען פון גרויס נחת און גדולה. עס איז א טאנץ פון סקעלעטען, פון מומיעס וואס האבען דעם רוח־חיים פון זיך ארויסגעיאגט. אבער דאך טאנצט מען און מען הוליעט; און דאך פייערט מען דעם נצחון מיט יובעל אין געזאנג אין די גאסען!

וואס פאר אן אונטערשייד

נאך אינ׳ם יאהר 1912 האט פ. וויערניק, דער רעדאקטאר פונ׳ם ״מארגענזשורנאל״ ארויסגעגעבען אין ענגליש א געשיכטע פון די אידען אין אמעריקע, און דאס איז ניט געבליבען דער איינציגער פארזוך, ווייל עס זענען פאר דער צייט אויך ערשיענען נאך עטליכע אויסגאבען, וועלכע באהאנדלען דעם ענין. שוין אפגערעדט פון די היסטארישע זאמלונגען, ארויסגעגעבען פון דער ״אמעריקען דזשואיש היסטאריקעל סאסייטי״, וועלכע ענטהאלטען א מאסע וויכטיגען מאטעריאל וועגען דער געשיכטע פון די אידען אין אמעריקע.

יעצט קומט צו אונז דורך דער „איטא" די פאלגענדע מיטטיילונג פון פילאדעלפיע:

> די „דזשואיש פאבליקיישאן סאסייטי אוו אמעריקא״ האט באקומען א גרויסע סומע געלד פאר׳ן אנשרייבען די געשיכטע פון די אידען אין אמעריקע. די ערקלעהרונג איז געמאכט געווארען אויף דעם יעהרליכען ״דינער״ פון דער געזעלשאפט, וואס איז פארגעקומען לעצטען שבת אויף דער נאכט. די סומע איז איבערגעלאזט געווארען אין דער צוואה פון מיס ראזעטא מ. אולמאן פון וויליאמספארט, פא. עס איז ערקלעהרט געווארען, אז די געשיכטע פון די אידען אין אמעריקע וועט געשריבען ווערען דורך פראפ. מאקס מארגאליס פון דראפסי קאלעדזש, און פראפ. אלעקסאנדער מארקס פון דעם אידישען טעאלאגישען סעמינאר.
>
> סיימאן מילער פון פילאדעלפיע, איז ערוועהלט געווארען אלס פרעזידענט פון דער געזעלשאפט און אדאלף אקס, דער ארויסגעבער פון דער ״ניו יארק טיימז״ איז ערוועהלט געווארען אלס וויים פרעזידענט.

מיר שטעלען זיך אפ אויף דעם ענין, ווייל עס איז כדאי צו ציהען א פארגלייך וועגען דער באציהונג צו אידישער געשיכטע, וואס הערשט ביי אונז אין לאנד.

מיט דער אויסנאהם פון א פאר מענשען, אינטערעסירט דא דער ענין פון דער געשיכטע פון די קאנאדער אידען קיינעם ניט, טראצדעם וואס מיר האבען דא א געשיכטע פון דריי הונדערט יאהר צייט.

וואו איז אונזער אידיש־היסטארישע געזעלשאפט? וואו זענען אונזערע גבירים, וועלכע זאלען געבען געלט אויף אזא זאך? קיקט מען דאך אפילו אויף די מענשען וואס באשעפטיגען זיך שוין יא מיט דעם מיט ביטול־אויגען, אפגערעדט פון ״שטיינער אין וועג״, וועלכע מען לעגט אונז ניט זעלטען.

די פילאדעלפיער נייעס האט געמעגט א סך קאנאדער אידען מאכען צו פארטראכטען זיך.

זשארזש מאנדעל־ראטשילד, דער העלד פון טאג

א נייע פערזענליכקייט אין פראנצויזישען פארלאמענט, א געניאלער פאליטיקער.

פון ל. בלומענפעלד. (ספעציעל דורך דער ״אידישער טעלעגראפען אגענטור״).

מאסיע זשארז מאנדעל איז אין פאריז א פאפולערע פערזענליכקייט. פאפולער איז ער, אייגענטליך, אין שלעכטען זין פון דעם ווארט. דער פראנצויזישער לעזער קען אט דעם מאן בלויז דורך די צייטונגען, און די לעצטע שאנעווען ניט דעם דעפוטאט פון באַרדא, רעכטע און לינקע, סאציאליסטען און רעפובליקאנער, מאנארכיסטען אדער גאר בלעטער אהן דער מינדעסטער פאליטישער ריכטונג, אלע אהן אויסנאהם וויצלען זיך שוין זיבען יאהר איבער דעם אומגליקליכען מאנדעל.

און דער עולם שעפט נחת. דער לעזער לעקט זיך ממש די פינגער בפרט אז די קאריקאטור האט מאנדעל׳ן גענומען אין די הענט אריין! ווייל מעהר נאך ווי די וויציגסטע צייטונגס ארטיקלען, האבען די צייכענערס א חשק פארצושטעלען די קאמישע פיגור פון זשארזש מאנדעל. מילא, אזוי ווי ער איז א איד און הייסט ראטשילד, האט מען גלייך אנגעהויבען לאכען פון זיין פארבייטען דעם אזוי באריהמטען נאמען. אבער מיינט חלילה ניט, אז אין דעם וויצלען זיך איבער מאנדעל׳ן איז פאראן דער קלענסטער שפור פון אנטיסעמיטיזם. אבסאלוט ניט!

דער דאזיגער חברה־מאן, באזיצט עפעס וואס איז שווער אויסצודריקען אין ווערטער, אבער וואס רופט ארויס א געלעכטער, ווי נאר ער נעהמט דאס ווארט אדער באווייזט זיך אויף דער בימה. דער מארך־בין זיינער איז אזוי עלאסטיש ווי ביי א קאץ. ער ווארפט זיך און דרעהט זיך, אז דער צושויער אין פארלאמענט, אין גאס, ביים טיש מוז לאכען, דאר, א ביינעדריגער, טרוקענער קערפער, לאנגע הענט און פיס, א סארקאסטיש מויל וואס צושפרייט זיך איבער א פנים וואס דערמאהנט אן דער שארפער זייט פון א מעסער, און א צונג, מיין גאט, וואס מאלט ווערטער אהן אן אויפהער, אהן פארמאטערונג, רעדענדיג די געשליפענסטע, די ראפינירטסטע, די גראמאטיקאלישסטע פראנצויזישע שפראך.

ווען די קאריקאטוריסטען האבען איהם גענומען פאר׳ן ציעל ברעט, האט מען ניט אויפגעהערט צו זעהן אין די בלעטער די פארשידענסטע געזיכטס אויסדריקען פון זשארזש מאנדעל. איהר דערזעהט אין דער צייטונגס קאריקאטור א שפיציג געזיכט און א נאז פארשפרייט איבערן גאנצען בלאט. היינט ווייסען אלע אין פראנקרייך ווער עס איז אזוינס מאנדעל. א דאנק די צייכנונגען און אויך א דאנק די שאנסאניעס און די מחברים פון כל ערליי רעוויזיעס, ווייל אזא סרזשעט באווייזט זיך ניט אלע טאג, אין יעדער האט זייט זיבען יאהר געוואלט אויסנוצען אזא זעלטענע געלעגענהייט.

ווי שוין געזאגט, וואלט בחנם זיין צו זוכען דא שפורען פון אנטיסעמיטיזם. ניין, מעהר ניט די פערזאן איז אזא, וואס די קאריקאטור און דער פאמפלעט ליגען אויף איהר ווי געמאסטען. ווארום מיר האבען ברוך השם אין פראנקרייך א סך אידען אין שאמבער דע דעפוטע; דער פארלאמענט צעהלט א טוצען דעפוטאטען און צווישען די בעסטע פינאנץ מיניסטארען צעהלט זיך מאסיע ל. ל. קלאטץ.

פרייטאג דעם 29־טען פעברואר, האט דער דעפוטאט זשארזש מאנדעל געהאלטען אין משך פון עטליכע שעה דעם פארלאמענט אין א געשפאנטער שטימונג, בעת ער האט אין א פארביטערטער רעדע פארטיידיגט די קאנגרעגאציעס. ווי באוואוסט, איז מאנדעל א הייסער אנהענגער פון צוריק איינפיהרען אין פראנקרייך די רעליגיעזע שוהלען, וועלכע זענען פארבאטען געווארען אין אנהויב פון צוואנציגסטען יאהר הונדערט ווען עס איז אריין אין קראפט די אפטיילונג פון דער קירך פון דעם שטאאט.

פארשטעהט זיך, אז שוין דער פאקט אליין, וואס דער איד, וועלכער זעהט אויס אזוי טיפיש אידיש איז פונקט דער הייסער חסיד פון דעם קאטאליציזם, האט אין זיך עפעס א אונווידערשטייליך קאמישעס. און ביי דער דאזיגער געלעגענהייט האבען טאקע א סך צייטונגען איינמאל פאר אלעמאל אפגעלאכט ווי מען קאן נאר דעם עסק אין פראנקרייך די דאזיגע לעבעדיגע דערשיינונג.

אבער אבגעזעהן פון אט די אלע וויציגע מאמענטען, מוז מען, אויב מען באטראכט נאר די געשעהענישען אהן פאליטישער ליידענשאפט, מודה זיין, אז אט דער מאנדעל פארמאגט א גוואלדיגע קראפט. זיין עקשנות, זיין קאלטבלוטיגקייט בעת אלע רייסען זיך אויף די גלייכע ווענט, זיינע זשעסטען, זיין מעסיגע, פינקטליכע אריסטאקראטישע שפראך, די גענויע ציטאטען, וואס ער ברענגט בשעת די דיסקוסיעס, אלץ צווינגט, מען זאל אין איהם זעהן עפעס אן אויסערגעוועהנליכע באשעפעניש. זיין לעצטע רעדע האט ארויסגערופען רייסערייען, די ווילדעסטע געשרייען, אפילו א געשלעג. ער אליין אבער איז געבליבען לחלוטין דער זעלבער און פון זיין מויל האבען געפאלען די זעלבע סאלאן־ארטיגע רעד, מיט דער זעלבער ערשטוינענדער גראמאטישער ריינקייט.

דערפאר טאקע איז צו מארגענס, א חוץ דעם נארמאלען ארטיקעל וועגען די געשעהענישען אין פארלאמענט, ערשינען אין דער פרעסע א רייהע אפשאצונגען וועגען זשארזש מאנדעל, וועלכע באוויזען, אז אט דער איינגעשפארטער איד האט, ענדליך זוכה געווען ווען מען זאל זיך אויף איהם אומקוקען אנדערש ווי מיט דער כונה בלויז צו קאריקאטוזירען. זיין פערזענליכקייט האט ענדליך געוואונען די אויפמערקזאמקייט פאר ערנסטער באטראכטונג, און אזוי ארום וועט מען אפשר פון היינט אן און ווייטער זוכען אין אט דעם קוריאזען מענשען זיין צווייטע טייל, די וויכטיגע זייט פון זיין קאמפליצירטער נאטור.

דער גרויסער ״פיגארא״ ווידמעט איהם אן אפהאנדלונג, וואו עס ווערט צווישען אנדערש געזאגט, אז מאנדעל איז ניט א מענש ווי אלע מענשען, אז זיין אנוועזענהייט אין פארלאמענט איז די די עובדה פון א מין לצנות׳דיגען גאט וואס האט אנגעשיקט אויף דער פראנצויזישער קאמער א מאדנעם שד, וואס ווארפט זיך אין די אויגען, נעהמט אוועק ביי זיינע געגנער דעם געוויסען, פארוואנדעלט זייער שכל אין שטות און מאכט זיי בכלל בטול...

בארעס האט שוין פריהער וועגען איהם געזאגט: ״מאנדעל איז א שטאלענע נשמה אין א גלעזערנער שייד.״

פלוצלינג האבען זיך באוויזען צוויי לייט ארטיקלען מיט מאנדעל׳ן אלס טיטול אין ״אקסיאן פראנסעז״ און ״לעקלער״. לעאן דאדע שרייבט וועגען איהם:

״זשארזש מאנדעל א טריבון״, אז מען זעהט גאר היינט ניט אין פארלאמענט אזא גוואלדיגע פאליטישע פערזענליכקייט ווי אט דער ״דעמאן ארודים״! און וועגען זיין גרויסער רעדע זאגט דאדע, אז עס איז א פראזע פון סוטאנע פארבעסערט פון עוואנגעליום.

וואס געהערט צום ארטיקעל ״זשארזש מאנדעל״, פון עמיל ביורע, איז עס צום ערשטען מאל פון זיין צוואנציג יעהריגער עפענטליכער קאריערע, מען זאל אזוי פיעל שבחים זאגען דעם טרוקענעם מאנדעל ראטשילד.

קוים אריבער די פערציג, א פאריזער איד, געבוירען אין צענטער פון דער טורמעלדיגער שטאדט, ביי אן ארימען שניידער מיט דעם נאמען ראטשילד, דאס איז דער איצטיגער מאנדעל. היינט איז דער שניידער ראטשילד געשטארבען, אבער די פירמע עקזיסטירט נאך אין רוז בערזשער, וואו א גרויסע שילד ״ראטשילד קליידער״ ציהט זיך איבער דער ברייט פון צוועלף פענסטער. מאנדעלס ברידער פיהרט דעם שפע׳דיגען מסחר, בשעת דער עלטערער, צו 19 יאהר שוין האט געוואלט ווערען א זשורנאליסט.

קלעמאנסא האט דאמאלט רעדאגירט זיין באריהמטע צייטונג ״אראר״, ווען אין א שעהנעם פריהמארגען האט זיך באוויזען דער אומבאקאנטער זשארזש ראטשילד מיט א רעקאמענדאציע צו ווערען א מיטארבייטער. גוט, גוט, האט צו איהם געזאגט דער ״טיגער״, געהט דארט און זעצט זיך אוועק אין דער רעדאקציע.

די רעדאקציע איז באשטאנען פון א חברה פון אויסגעפוצטע זשורנאליסטען, היינט מיניסטארען און סענאטארען, פרעהליכע יונגען, וואס קלייבען ניט די ווערטער און פיהרען זיך אויף א פראסטען אופן.

מאנדעל איז שוין דאמאלט געווען פייערליך, צערעמאניעז און הארט ווי א שטיין. יעדען טאג פלעגט דער יונגער חברה מאן זיך באווייזען מיט אן אנגעפאקטען פארטפעל, ווארטענדיג ביז א פוילענצער מיטארבייטער זאל איהם נעהמען פאר זיין ממלא מקום. עס האט ניט לאנג געדויערט, ביז קלעמאנסא האט אנגעהויבען זעהן פאר זיך א לעבעדיגע ביבליאטעק, א יונג מיט דער טיעפסטער פאליטישער אנגעלעגענהייט און מיט א זכרון, וואס איז נאר געווען צו באוואונדערען. קלעמאנסא האט זיך צו יענער צייט אינטערעסירט מיט דער מאראקאנער פראגע, און האט געוואלט א טעגליכע נאטיץ וועגען דעם אין זיין ״אראר״. האט ער אוועקגעזעצט מאנדלען געבען זיין בעסטען מיט ארבייטער און געזאגט: ״דו אלבערט (איצט סענאטאר) קאנסט שרייבען, דו זשארזש, ביסט אנגעפילט מיט וויסען ווי א מילגרוים. מאכט מיר ביידע די ארבייט. און ענסט, מיט זיין לייכענטרויעריגער מינע, פלעגט מאנדעל ציטירען אהן אן אויפהער.

״וואס! ״ פלעגט אלבערט פארלירען זיין געדולד, ״אלץ מאנהזען, מאנהרעב, א לאנגווייליגער עסק!״

״שרייבט, שרייבט, הער אלבערט״, פלעגט ער קאלטבלוטיג זאגען, ״אויב ניט וועלען מיר קיינמאל צו קיין טאלק ניט קומען.

בשעת קלעמאנסא איז אין מלחמה צייט געווען פרעזידענט, האט ער מאנדלען גענומען פאר דעם שעף פון קאבינעט. מאנדעל איז ניט נור געווען דער בעל יועץ פון דעם אלטען קלעמאנסא, ער האט אפילו געהאט אין די הענט דאס אינערע מיניסטעריום.

און טאמער פלעגען אויסלענדישע אידען, וואס האבען אין מלחמה צייט געהאט צרות מיט דער אויסלענדישער פאליציי זיך ווענדען נאך א טובה צום איד מאנדעל, האט ער קיין איינציג מאל ניט געוואלט זיך צוהערען צו זייערע בקשות. קאלט, טרוקען, אומברחמנות׳דיג, אין כען הויבט אן מורא צו האבען פאר זשארזש מאנדעל, דעם געניאלסטען פאליטיקער פון היינטיגען פראנקרייך.

וואס פאר א לאנד איז בעסאראביע

(אהיסטאריש עקאנאמישער איבערבליק)

פון בן־לוי.

דער סכסוך איבער בעסאראביען צווישען סאוויעט רוסלאנד און רומעניע ווערט פארשארפט אלץ מעהר מיט יעדען טאג. אויף דער קאנפערענץ צווישען די צוויי לענדער, וואס קומט פאר אין ווין פארנעהמט די פראגע פון בעסאראביען דעם אויבען אן און אין פיעלע קרייזען רעדט מען שוין גאנץ פעסט פון א מעגליכקייט פון קריעג צוליעב דעם צווישען די צוויי לענדער, א קריעג וואס וועט מוזען אריינשלעפען אנדערע לענדער.

וואס איז דאס אזוינס פאר א לאנד בעסאראביע? וואס איז די געשיכטע פון דעם דאזיגען לאנד? וואס פאר אן עקאנאמישען ווערט האט דאס דאזיגע לאנד?

בעסאראביע ווי זי איז געווען פאר דעם קריעג האט פארנומען א שטח פון גענויע פופצעהן טויזענט ענגלישע קוואדראט מייל. דאס לאנד האט צוויי גרויסע טייכען, דעם דניעסטער און דעם פרוט. ביידע נאוויגאציע טייכען, איבער וועלכע עס געהען גרויסע שיפען. באזונדערס איבער דעם דניעסטער. דער דניעסטער טיילט אפ בעסאראביע פון כערסאנער און פאדאליער גובערניעס אויף א לענג פון איבער זעקס הונדערט מייל און כמעט די גאנצע לענג איז דאס נאוויגאציאנס־פעהיג. בעסאראביען האט אויך א ים פארט אין אקערמאן, וואו דער דניעסטער גיסט זיך אריין אין שווארצען ים.

דער קלימאט אין בעסאראביען איז א מילדער אין די מייסטע ערטער און אויך אין די איבעריגע איז דאס מיטעלמעסיג. דאס לאנד דארטען איז זעהר פרוכטבאר און איז רייך אין וויינגערטנער. די טייכען — אין בעסאראביען האט א סך קלענערע טייכען אויסער די צוויי גרויסע — זענען רייך אין פישען און די פיש אינדוסטריע איז דארטען א גאנץ אנגעזעהענע, עס זענען אויך דא א היביש ביסעל וועלדער און די האלץ אינדוסטריע איז אויך אן אנגעזעהענע און קען ווערען נאך גרעסער ווען מען זאל דאס גוט ענטוויקלען. קיין גרויסע אינדוסטריע איז דארטען ניטא, כאטש עס זענען דא גוטע מעגליכקייטען פאר דעם. דער קליין האנדעל דאגעגען איז א גאנץ היבשער. די מערק אין בעסאראביען האבען אמאליגע יאהרען צוגעצויגען א סך סוחרים.

פון זינט דעם אנפאנג פון דער איצטיגער צוטיילונג, דאס הייסט פון דעם ערשטען יאהרהונדערט, ציהען זיך אין דער געשיכטע, ווי א רויטער פאדעם, מלחמות אין און איבער בעסאראביע ביז דעם אכצעהנטען יאהרהונדערט. עס איז געווען א געגענד וואס האט געצויגען צו זיך פארשידענע נאציאנאליטעטען. פארשידענע ראסען, און זיי האבען תמיד געהאלטען מלחמה צווישען זיך, שטענדיג פארטריבען איינס דעם אנדערען אום פארטריבען צו ווערען דערנאך פון א נייעם שבט, א נייער ראסע, א נייע נאציאנאליטעט.

אין יעדען יאהרהונדערט איז אין בעסאראביע פארגעקומען מיינדעסטענס איין קריעג צווישען א ראסע, אדער נאציאנאליטעט וואס האט זיך דארטען באזעצט און א צווייטער וואס האט זי געזוכט צו פארטרייבען אדער טאקע פארטריבען. אין דעם יאהר 1365 ווערט בעסאראביען פארנומען פון מאלדאווען און ווערט אריינגענומען אין דעם לאנד וואס האט דאן געטראגען דעם נאמען מאלדאוויע. אין יאהר 1503 באפאלען די טערקען די מאלדאווען און נעהמען ביי זיי צו בעסאראביען. דערנאך געהט דאס אריבער צו רומעניער. דערנאך ווידער צו טערקען ביז דעם אנפאנג פון אכצעהנטען יאהר הונדערט, ווען רוסלאנד נעהמט דאס צו פון טערקיי. אין יאהר 1819 ווערט געשלאסען א פריעדענס אפמאך צווישען טערקיי און רוסלאנד לויט וועלכען בעסאראביע געהט אריבער אין גאנצען צו רוסלאנד. א סכסוך שפרינגט דאן ארויס צווישען רוסלאנד און רומעניען אין א מלחמה, און אין יאהר 1836 ווערט געשלאסען שלום צווישען די צוויי לענדער און רומעניען און רוסלאנד ביישען זיך מיט געוויסע געגענדען, אבער בעסאראביע, אלס גאנצע, פארבלייבט אלץ ביי רוסלאנד און אזוי איז זי פארבליבען ביז דער רוסלענדישער רעוואלוציע דאס הייסט ביז ענדע פון יאהר 1917.

אין דעם יאהר 1917 האט בעסאראביע געהאט צעהן אויעזדען אין וועלכע עס האט זיך געפונען א באפעלקערונג פון גענויע דריי מיליאן, איצט רעכנט מען אין דארטען ווייניגער, ווארום פיעל זיינען אויסגעוואנדערט געווארען, פיעל זיינען אומגעקומען אין די בירגער מלחמות און פאגראמען און פיעל זענען זיך צולאפען. יעדענפאלס איז דארטען דא א גאנץ אנגעזעהענע באפעלקערונג.

די באפעלקערונג פון בעסאראביען איז א פארשיעדענע. אין די דערפער זענען דא מייסטענס מאלדאווען און אוקראינער אומגעפעהר האלב אויף האלב. אין די אויעזדען פון בעלגראד און קאגולסק וואוינען א סך בולגארען. דער אקערמאנער אויעזד איז באוואוינט כמעט אויסשליסליך פון דייטשע קאלאניסטען. אין די שטעדט וואוינען רוסען און אידען. עס זענען אויך דא טערקען, רומעניער, ציגיינער און נאך פעלקערשאפטען. איין זאך איז זיכער, די צאהל פון די רומעניער, די איצטיגע הערשער איבער בעסאראביען, איז אזוי קליין אז זיי זעהען זיך כמעט ניט אן אין בעסאראביען.

בעסאראביען איז אלעמאל געווען ענג פארבונדען, סיי עקאנאמיש און סיי קולטורעל, מיט רוסלאנד. אלע פראדוקטען פון בעסאראביע זענען פארקויפט געווארען אין רוסישע מערק אדער געשיקט געווארען איבער די רוסישע פארטען. אדעס איז אין גאנצען זעכציג מייל פון בעסאראביען. אלע פראדוקטען וואס בעסאראביען האט פארברויכט זענען געקומען פון רוסלאנד. בעסאראביען, מיט איין ווארט, איז געווען אן אומטיילבארער טייל פון רוסלאנד.

באלד נאכדעם ווי עס האט אויסגעבראכען די רוסלענדישע רעוואלוציע האט זיך אין בעסאראביע ענטוויקעלט א סעפאראטיסטישע באוועגונג. די דאזיגע באוועגונג אפצוטיילען בעסאראביען פון רוסלאנד אלס אן אויטאנאמיע רעפובליק איז אנגעפיהרט געווארען פון דער פארטיי וואס האט געהייסען ״סטאפולצערי״, און וועלכער עס זענען אריין א סך בעסאראביער סאציאליסטען רעוואלוציאנערען און קאדעטען. די סאציאל־דעמאקראטען זענען געווען געגען דעם סעפעראטיזם. א טייל סאציאליסטען רעוואלוציאנערען זענען אויך געווען געגען אפסאלוטער אפטיילונג. אזוי איז געווען אינגוליץ איינער פון די הויפט פיהרער פון דער דאזיגער פארטיי אין בעסאראביען, אויסגעשפראכען געגען דעם. ער האט געפאדערט בלויז קולטורעלע אויטאנאמיע פאר בעסאראביע אבער ניט מעהר.

אין אנפאנג פון יאהר 1918 איז אין בעסאראביען פארגעקומען דאס וואס איז באקאנט אלס דער פארראט פון טשערבאטש׳ן. טשערבאטש האט שטילערהייד געפיהרט פארהאנדלונגען מיט דעם רומענישען קעניג וועגען אנשליסען בעסאראביע אן רומעניע אהן דעם וויסען פון זיינע חברים. ער האט געזעהען אז בעסאראביען זאל זיך ערקלעהרען אומאפהענגיג פון רוסלאנד און גלייך נאכדעם איז קיין בעסאראביע אריינגעדרונגען א גרויסע רומענישע ארמיי, האט פארטריבען די רוסישע ארמיי, ארעסטירט און געשאסען און בעסאראביע איז פארכאפט געווארען פון רומעניע.

די שויערליכע שחיטות וואס זענען דאן פארגעקומען אין בעסאראביען זענען עטוואס וואס איז שווער צו בעשרייבען. צום אלעם ערשטען האבען די רומענישע סאלדאטען ״ליקווידירט״ די פויערים קאמיטעטען אין די דערפער און ביי זיי צוריקגענומען דאס לאנד און דאס צוריק אוועקגעגעבען די פריצים. טויזענטע פויערים זענען אויסגעשאכטען געווארען, נאך טויזענטער זענען געשליידערט געווארען אין דניעסטער און פרוט פון וואנען זיי זענען מעהר ניט צוריקגעקומען. טויזענטער זענען איינגעשפארט געווארען אין טורמעס אדער פארשיקט געווארען אין קאטארגע.

דאס וואס מען האט געטאן מיט די פויערים האט מען אויך געטאן מיט די ארבייטער. אלע ארבייטער סאוויעטען זענען ״ליקווידירט״ געווארען אויף דעם דערמאהנטען אופן. צעהנדליגע טויזענטע ארבייטער האבען געפונען זייער טויט אין אוממענשליכע פייניגונגען.

און דאס זעלבע האט מען געטאן גלאט מיט מענשען, ניט רומעניער, מיט אידען, רוסען, פאליאקען, אוקראינער, אין די שטעדט. אידען איז ווי עס פארשטעהט זיך אנגעקומען דער ״בעסטער״ חלק אונטער דעם געוועהנליכען אויסרייד אז אלע אידען זענען באלשעוויקעס. אפילו די קליינע אידישע קרעמער און די גרויסע זענען געווען ביי זיי באלשעוויקעס. ווארום אין דער אמת׳ן האט זיך דא געהאנדעלט מעהר אום דערשטיקען יעדע אפאזיציע פון דער רומענישער הערשאפט ניט דוקא די באלשעוויסטישע.

פאר אן ערך אנדערטהאלבען יאהר האט די רומענישע מאכט אין בעסאראביע אנגעפיהרט איהר בלוטדורשטיגע אויסראטונגס פאליטיק און קיינער האט זיך ניט געוועהרט, קיינער האט זיך ניט געקענט וועהרען. די סאוויעט מאכט איז א דאנק די פארשיעדענע אינטערווענציעס אין אויפשטאנדען, געווען שוואך, ארום בעסאראביע און האט די אומגליקליכע ניט געקענט העלפען. אבער אין ווינטער 1919 האט דאס געדולד פון די מאסען געפלאצט און עס האט אויסגעבראכען דער וואויל באקאנטער באטומסקער אויפשטאנד. די בעסאראביער מאסען האבען דאן ערקלעהרט בעראביע אלס א טייל פון אוקראינע און האבען ארויסגעווארפען פון זיך דעקלארעטיוו דעם רומענישען יאך. ווידער אמאל איז גאנץ בעסאראביען פארוואנדעלט געווארען אין א מענשליכער באינע. ווידער אמאל האט מענשליך בלוט געפלאסען איבער אלע גאסען פון די גרויסע שטעדט. ווידער אמאל האבען זיך די רומענישע סאלדאטען ״גערעכענט״ מיט די פויערים אין די דערפער. גאנצע דערפער, גרויס אין צאהל, זענען אנגעצונדען געווארען פון אלע פיער עקען און זענען אפגעווישט געווארען צו זאמען מיט די איינוואוינער, ווארום די רומענישע בעסטיע האבען מיט זייערע שטיקעס געטריבען די אומגליקליכע אין די ברענענדע הייזער און זיי זענען דארטען געווארען אש צוזאמען מיט די ווענט און דעכער פון די הייזער.

פאר א קנאפען יאהר איז בעסאראביע ״באַרוהיגט״ געווארען. קיינער האט ניט געוואגט אויפצוהויבען דעם קאפ און די רומעניער בעאמטע און די רומענער סאלדאטען האבען געטאן וואס זיי האבען געוואלט. אבער דאס האט פאר קיין פאל ניט געמיינט אז די סאציאליסטישע באוועגונג, די ארבייטער באוועגונג, די אלגעמיינע פרייהייט באוועגונג, דארטען איז אין גאנצען אפגעשטעלט געווארען. אין מיטען יאהר 1920 צום בייספיעל איז איבער גאנץ בעסאראביע ערקלעהרט געווארען א גענעראל סטרייק וואס האט אנגעהאלטען א לענגערע צייט און האט געגעבען די ארבייטער א געוויסען זיעג, וועלכען די רומענישע בעאמטע האבען דערנאך צוריקגענומען ״מיט פראצענטען״. דער גענעראל סטרייק איז געווען אזוי פארשפרייט, אז עס זענען צו איהם צוגעשטאנען אפילו די איזוואשטשיקעס, זאגאר א גאנץ אנגעזעהענע צאהל קליינע קרעמער.

נאך סטרייקס זענען פארגעקומען דארטען פאר דער צייט און די טורמעס דארטען זענען איצט פול מיט ארבייטער און סאציאליסטען און די סאציאליסטישע באוועגונג און די באוועגונג פאר באפרייען רומעניע פון בעסאראביען פון רומענישען יאך נעהט נאך אן און איז נאך

(פארזעצונג אויף פיידוש 5)

מאנישעוויטש
מצה שמורה משעת קצירה
ווערט אפגעהיט משעת קצירה און דער גאנצער צייט פון באקען און פארפאקען מיט רעליגיעזער פארזיכטיגקייט און זהירות ווי די שמורה־מצה אין דער אלטער היים; פארמאגט אויך דעם זעלבען אויסגעצייכענטען געשמאק, ווי די מאנישעוויטש׳ן מצה שמורה משעת טחינה וואס באצירט דעם סדר טיש פון מיליאנען אידען
מאנישעוויטש׳ן מצה־שמורה קומט געפאקט אין א דאפעלטען פעסט־פארזיגעלטען קארטאן צו 6 מצות אין א פעקעלדוש, פונקט גענוג פאר ביידע סדרים, און צוגעפאסט פאר שיקען מיט פארפעל פאסט, פרייז 75 סענט. שיקט גלייך אייערע אָרדערס דירעקט אין סינסינעטי ווייל די מצה־שמורה ווערט געבאקען אין א באשרענקטער צאהל.
The B. MANISCHEWITZ CO., Cincinnati, O.

מאנישעוויטש׳ס מצה־שמורה נעמט מען זיך באקען יום „אי" ניסאן, 15טען אפריל.
מצה שמורה
משעת קצירה
ב. מאנישעוויטש

„דעם קינד׳ס ענטצונדענע אויגען־דעקלאך צוזאמענגעקלעפט און געבלוטעט"
מר. ע. פ. קימבעל, ענטוויסל, אלטא., שרייבט:
״אונזער קליינע מיידעלע איז פון געבורט געטראבעלט געווארען מיט אנטצונדענע אויגען־דעקלאך, און טראץ עטליכע מיטלען איז עס געווארען ערגער. און אין דעם עלטער פון זעכצעהן מאנאטען האט זי ניט געקאנט אויפמאכען איהרע אויגען נאכ׳ן שלאפען ניט בלוטיגענדיג. א געדיכטער אייטער פלעגט פליסען צוזאמענקלייבענדיג די אויגען־דעקלאך צוזאמען אז מען האט עס ניט געקאנט אפרייסען. דעם קינד׳ס באקעס זענען אנגעפרעסט געווארען דורך פאסט און ביידע האבען געענטפערט מיט א קליינער סעמפעל־באקס פון דר. טשייס׳עס אינטמענט. דאס איז גענוצט געווארען ווי עס איז אנגעוויזען און האט געדויערט ביז מיר האבען געקריגען א נייעם סופלאי פון ערמאנטאן. נאך דער ערשטער אנווענדונג האט מען גלייך געזעהן א בעסערונג. דער קלעפיגער אייטער איז גלייך פארשוואונדען און האט זיך מעהר ניט אומגעקעהרט.״
דר. טשייס׳עס אינטמענט
60ס. א באקס, ביי אלע דילערס, אדער עדמאנסאן, בייטס און קא., לימט., טאראנטא.

די ארבייטער וועלט

וועכענטליכער איבערבליק איבער פאסירונגען אין דער ארבייטער־וועלט.

— פון —
פ. האלפערין

גאמפערס׳עס קאמף געגען אימיגראציע און די אידישע יוניאנס

עס איז די איראניע פון שיקזאל, אז א איד זאל זיין איינער פון די ביטערסטע געגנער פון אימיגראציע, אז דער איד שמואל גאמפערס זאל שליסען יד־אחת מיט׳ן פיהרער פון אמעריקאנער לעגיאן און צוזאמען גוואלדעווען, אז די אמעריקאנער אינסטיטוציעס זענען אין געפאהר טאמער לאזט מען אפען א קליינע שפארינקעלע פאר אימיגראנטען.

גאמפערס זאגט, אז די אימיגראנטען דריקען ארונטער דעם „סטענדערד אוו ליווינג" פון דעם אמעריקאנער ארבייטער, בעת ער ווייסט גאנץ גוט, אז דער אויסלענדישער ארבייטער איז גייבער געניינט צו קעמפען פאר בעסערע באדינגונגען ווי דאס איז דער אמעריקאנער ארבייטער. די גרויסע און פארעקשנ׳טע סטרייקס אין דער שטאל־אינדוסטריע, אין דער נאדעל־אינדוסטריע און אין דער טעקסטיל־אינדוסטריע — די מערהייט ארבייטער אין דיזע אינדוסטריעס זענען אויסלענדער — באווייזען עס. ער ליארמט אויך וועגען דער געפאהר פאר די אמעריקאנער אינסטיטוציעס מצד די אימיגראנטען — דאס זאגט ער איצט ווען דער אייל־גערוך צוטראגט זיך איבער׳ן גאנצען לאנד און פארמישט אין דעם זענען גאלע אמעריקאנער פון ריינסטען וואסער.

מילא, גאמפערס׳ען וועט שוין קיין טאטער ניט העלפען, אבער די אידישע יוניאנס דארפען אויפ׳ן סאמע ענטשיידענדסטען אופן אנווייזען איהם און דער גאנצער אמעריקאנישער עפענטליכקייט, אז זיי טיילען ניט די אימיגראנטען־פרעסער׳שע סענטימענטען פון דעם פעדערריישאן־פרעזידענט. עס ליגט אויף זיי אן אבסאלוטער חוב דאס צו טאן, ווייל אין קאמף געגען אימיגראציע שטיצט מען זיך אויך אויף זיי. א בעאמטער פון דער פעדערריישאן אוו לייבאר האט ביי דער קאנגרעס־„הירינג" ערקלעהרט, אז אויף דער לעצטער קאנווענשאן איז קיין איין שטימע ניט אפגעגעבען געווארען פאר אימיגראציע. מען נעהמט, אלזא, אין קאן אויך די אידישע יוניאנס, און מען וויל זיך סומך זיין, אז אויך זיי זענען געגען אימיגראציע.

די אינטערנעשאנעל לעידיס גארמענט װארקערס יוניאן האט שוין געלאזט הערען איהר שטימע. זי האט ערקלעהרט, אז זי וויל ניט זיין קיין שותף צו גאמפערס׳עס קאמף געגען אימיגראציע. וואו זענען די איבעריגע אידישע יוניאנס? פארוואס שווייגען זיי?

עס זענען ארגאניזירט געווארען צוויי אידישע ארבייטער קאמיטעטען צו באקעמפען דעם דזשאנסאן־ביל — ווי טרויעריג וואס אפילו אין אזא פראגע האט מען ניט געקאנט שליסען א געאייניגטען פראנט! — און ביידע קאמיטעטען ווייזען ניט ארויס קיין צו גרויסע טעטיגקייט.

איצט איז די העכסטע צייט. דער דזשאנסאן־ביל וועט פארגעבראכט ווערען די קומענדיגע וואך אין קאנגרעס. די אידישע יוניאנס דארפען לאזען הערען זייער שטימע!

מען וויל אויסשליסען די נאווא סקאשיא מיינער פון אינטערנעשאנעל

די עקזעקוטיווע פון דער אינטערנעשאנעל מיינער יוניאן האלט איצט אפ זיצונגען אין אינדיאנאפאליס און די וויכטיגסטע פראגע אויף די זיצונגען איז: וואס טוט מען מיט די ווידערשפעניגע מיינער פון נאווא סקאשיא?

די לעזער פון „זשורנאל" זענען באקאנט מיט׳ן קאמף פון די נאווא סקאשיא מיינער. די לעצטע ענטוויקלונג פון דעם קאמף איז די צוריקווייזונג פון דעם אגרימענט, וואס איז גוטגעהייסען געווארען פון די אינטערנעשאנעל בעאמטע, און די רעזיגנאציע פון סילבי בארעט, דער פרעזידענט פון דער דיסטריקט יוניאן, וואס האט געהערשט מיט׳ן כח פון דזשאן לואיס.

די אינטערנעשאנעל האט געקאנט טאן אלעס אין דער וועלט אויף צוברעכען די קאמפלוסטיגקייט פון די מיינער אין נאווא סקאשיא, אבער זי קאן ניט צווינגען זיי גראבען קוילען געגען זייער ווילען. האלט עס איצט דערביי אז די דארטיגע מיינער זאלען אויסגעשלאסען ווערען פון דער אינטערנעשאנעל. עס שיינט, אז די אינטערנעשאנעל־עקזעקוטיווע וועט אננעהמען אזא באשלוס.

די לעצטע קאנווענשאן האט אבער געוויזען, אז לואיס׳עס טראן שאקעלט זיך אויך, און זיין איצטיגע האנדלונג בנוגע נאווא סקאשיא גראבט נאך מעהר אונטער זיין ממשלה.

דער אונטערגאנג פון פיפעלסרעליעף

פון א. צוויפלער

):0:(

די פיפעלס רעליעף קאמיטע איז אפיציעל ליקווידירט געווארען, נאך אן עקזיסטענץ פון ניין יאהר צייט.

די פיפעלס רעליעף קאמיטע האט צו פארצייכענען גרויסע פארדינסטען. זי האט פיעל בייגעטראגען צו דער רעקאנסטרוקציע פון הרוב־געווארענעם אידישען לעבען איף יענער זייט ים. עס איז געוועזען איהר לאזונג, אז די הילפס־ארבייט דארף טראגען א רעקאנסטרוקטיווען כאראקטער און ניט קיין צדקה־כאראקטער און זי האט געקעמפט הערבאר מיט די פארשטעהער פון יהודים׳שען „דזשאינט". די פיפעלס רעליעף קאמיטע האט געזאמעלט גרויסע סומען פאר די אידישע ארבייטער־אינסטיטוציעס.

עס מוז אבער אויך געזאגט ווערען, אז די פיפעלס רעליעף קאמיטע איז אפטמאל ניט געשטאנען אויף דער הויך אויף וועלכער זי האט געזאלט שטעהן אלס אן ארבייטער־ארגאניזאציע.

איך בין ניט באקאנט מיט דער אורשפרינגליכער גרינדונג פון דער פיפעלס רעליעף. מעגליך, אז זי איז לכתחילה געגרינדעט געווארען בלויז אלס אן אגענטור אויף צו זאמלען געלט צווישען די ברייטע פאלקס־מאסען, אהן פרעטענזיעס אויף ספעציעלע פראלעטארישע הילף. אבער אין לויף פון דער ארבייט, פון דער צוזאמענארבייטונג מיט דער אמעריקען דזשואיש רעליעף און דער סענטראל רעליעף אין דער דזשאינט דיסטריביושאן קאמיטע, איז קלאהר געווארען, אז דער פיפעלס רעליעף קומט אויס צו פיהרען א שטארקען קאמף פאר דער דעמאקראטישער צוטיילונג פון די געלטער. אין דעם קאמף האט די פיפעלס רעליעף קאמיטע ניט ארויסגעוויזען דעם נויטיגען מוט. זי האט ניט געהאט דעם מוט איבערצורייסען מיט׳ן „דזשאינט", ווען דאס איז דורכאויס נויטיג געווען.

איך נעהם זיך ניט אונטער צו זאגען וואו עס ליגט די שולד. ב. צוקערמאן, וועלכער האט די גאנצע צייט אנגעפיהרט מיט דער ארבייט פון דער פיפעלס רעליעף קאמיטע, האט אמאל אויסגעגעבענט, אז די אידישע ארבייטער אין אמעריקא האבען, אין די בעסטע צייטען, ניט געגעבען קיין דאלאר א יאהר פער קאפ, צו דער פיפעלס רעליעף. עס איז מעגליך, אז אט דער שוואכער אפרוף האט גורם געווען, אז די קאמיטע זאל ווערען שוואכמוטיג און בויגען זיך אלץ טיפער פאר די רייכע הערען פון „דזשאינט". עס איז, ווידער, מעגליך, אז די פיהרער האבען זיך ניט געהאלטען ביי א קלאהרער, פראלעטארישער ליניע, און האבען דערמיט אונטערגעגראבען דעם ענטוזיאזם פאר דער ארבייט פון פיפעלס רעליעף ביי די ברייטע אידישע מאסען.

זינט דער פילאדעלפיער קאנווענשאן פאר צוויי יאהרען, וואו די רעזאלוציע אפצוזאגען זיך פון „דזשאינט" איז נידערגעשטימט געווארען — די וויכטיגסטע טוער פון דער פיפעלס רעליעף זענען געווען פאר דער רעזאלוציע — איז די פיפעלס רעליעף געגאנגען בארג אראפ. עס איז געגרינדעט געווארען א נייער הילפס־קאמיטעט, פון א בולטערען פראלעטארישען כאראקטער און דער נעגענזייטיגער קאמף האט אונטערגעגראבען די עקזיסטענץ פון פיפעלס רעליעף, אין א צייט ווען דער רעליעף־סענטימענט האט סיי־ווי גענומען צאנקען.

די פאראייניגונג מיט׳ן „ארט" האט ניט געהאלפען דער פיפעלס רעליעף און האט מעגליך געשאדט דעם „ארט", וואס וועט זיין פארדראסיג, אויב עס וועט זיך ווירקליך אזוי ארויסצייגען. „ארט" דארף בלייבען עקזיסטירען ווייל ער פארנעהמט זיך מיט דער העכסט־וויכטיגער אויפגאבע פון געזונט מאכען אונזער קראנקע עקאנאמיק. מען דארף האפען, אז דער אונטערגאנג פון דער פיפעלס רעליעף קאמיטע וועט ניט באווירקען צום שלעכטען דער „ארט"־ארגאניזאציע.

סטרייק פון לופט־פליהער האלט אן

לאנדאן, אפריל 2.

דער סטרייק פון די לופט־פליהער האלט נאך אן. זיי פאדערען דאס רעכט צו באשטימען ווען דער וועטער איז פיינסטיג צום פליהען, און העכערע שכירות.

זיכערער פעטס־רעדוצירער

רעדוצירט, רעדוצירט, רעדוצירט, איז דער שלאג־ווארט פון אלע פעטע מענשען. ווערט דין, ווערט מאגער, איז דער געשריי פון פאסאן און געזעלשאפט. און די צופיעל פעטע קארטשען זייערע הענט אין פיינונג און הילפלאזיגקייט: רעדוצירען קענען די עקעלדיגע דראגס. שרעקען זיך פאר שעדליכע איבונגען. שוידערען פון דער אומזעלקאמענער און אומצופרידענער דיעטע, ביז זיי שלאגען זיך אן אן דער שעדלאזער מארמאלא פרעסקריפשאן און ערפאהרען דורך דעם, אז זיי קאנען זיכערהייד רעדוצירען שטופענווייז און לייכט, אהן אן ענדערונג אין זייער לעבענס־שטייגער, נאר שערלאז, געהיים און שנעל דערגרייכענדיג זייער אידעאלע פיגור, מיט א ווייכער הויט, בעסערען אפעטיט און געזונד אייידער זיי האבען ווען געהאט. און איצט קומט מארמאלא פרעסקריפשאן טאבלעטס פון דער זעלבער באריהמטער שעדלאזער פארמולע ווי די מארמאלא פרעסקריפשאן. עס באוועגט אייך צו ערפאהרען די צופרידענשטעלענדיגע עפעקטען פון דיעזען גרויסען און זיכערען פעטס־רעדוצירער דורך געבען צו אייער דראגיסט איין דאלאר פאר א באקס, אדער אריינשיקענדיג אן עהנליכע סומע צו די מארמאלא קאמפאני, 702 גארפיעלד בילדינג, דעטראיט, מיש., מיט א פארלאנג, אז זיי זאלען אייך ביילען א באקס מארמאלא פרעסקריפשאן טאבלעטס.

FIVE ROSES FLOUR
for Breads - Cakes - Puddings - Pastries

איינציגע פון די עלטסטע נוצער פון „פייוו ראוזעס" מעהל זאגען פאזיטיוו דאס קוואליטעט האט זיך ניט געענדערט אין 20 יאהר. גוטע געבעקס צו יעדער צייט איז בעסער ווי גוטע געבעקס פון צייט צו צייט. „פייוו ראוזעס" מעהל גיט אייך גוטע געבעקס יעדען טאג. עס ענדערט זיך קיינמאהל ניט אין קוואליטעט.

MANITOBA HARD WHEAT
CANADA
LAKE OF THE WOODS
KEEWATIN
TRADE MARK
FIVE ROSES

בעגס פון 7, 14, 24, 49 און 98 פונט
פעסלאך פון 98 און 196 פונט

„פייוו ראוזעס" מעהל ווערט באנוצט אין מעהר אידישע היימען ווי אלע אנדערע מעהלען צוזאמען.

ניט קיין געוועהנליכע זאלץ— נאר היי־גרייד קוואליטי זאלץ

די בעסטע קוכערס נוצען פיוריטי זאלץ. באלעבאסטעס איבעראל זענען באקאנט מיט איהר פינקעלדיגער פרישקייט און פולען געשמאק. עס קאן גיט זיין קיין בעסערע זאלץ ווי פיוריטי. פרוגט אייער גראסער ספעציעל פאר פיוריטי.

Purity
TABLE SALT
Purity DAIRY SALT

אין דער ארבייטער־פרעסע

די לינקע פועלי ציון און דער געווערקשאפטען קאמפיין. — געדריקטע קאנען אויך דריקען. — סקאט נירינג איז טריף געווארען. — איז גאר קיין גרעניץ ניטא?

):0:(

פון פיוועקע.

די וואס זענען באקאנט מיט דער פועלי ציון באוועגונג דא אין לאנד ווייסען וואס פאר א ביטערען קאמף די פועלי ציון פארטיי האט געהאט אנצופיהרען אויף צו קריגען א צוטריט אין דער זאגענאנטער אפיציעלער סאציאליסטישער און טרייד־יוניאניסטישער באוועגונג. עס איז געווען א בוכשטעבליכער חרם אויף די פועלי ציוניסטען מצד דער אפיציעלער „באוועגונג".

וואלט מען דאך געקענט דענקען, אז די אויסגעפראוועטע פועלי ציוניסטען וועלען זיכער ניט פיהרען די זעלבע שעדליכע פאליטיק, ווען זיי וועלען האבען אזא געלעגענהייט. ציינט זיך אבער ארויס, אז די וואס זענען ערשט־א אונטערדריקט געווארען, קאנען זיין גאנץ גוטע אונטערדריקער אליין.

דערצעהלט אונז „די פראלעטארישע שטימע" (ארגאן פון די לינקע פועלי ציון) פאלגענדעס:

„אונזער פארטיי האט הארציג באגריסט דעם קאמפיין. (עם האנדעלט זיך וועגען דעם געווערקשאפטען קאמפיין פאר די פאלעסטינער ארבייטער. — פ.) מיר האבען אנגעבאטען אונזער פולסטע מיטהילף אין דער ארבייט. אונזער אנבאט איז אנגענומען געווארען פון די יוניאן פיהרער, נאר די רעכטע פועלי ציון דערלאזען ניט, אז אונזער פארטיי זאל קריגען א פארטרעטערשאפט אין דעם קאמיטעט וואס פיהרט אן דעם קאמפיין".

ווייטערדיגע קאמענטארען זענען איבעריג.

* * *

וועלכער סאציאליסט אויף דעם קאנטינענט האט עס ניט געהערט פון סקאט נירינג? ער איז געווען א שיינדעל ביי דער סאציאליסטישער פארטיי. א פראפעסאר וואס איז פארטריבען געווארען פון אוניווערזיטעט פאר זיינע ראדיקאלע און פאציפיסטישע אנשויאונגען, א מענש מיט א ברייטע, טעארעטישען וויסען, א מחבר פון סאציאליסטישע ביכער — די סאצ. פארטיי פון אמעריקא האט זיך געגרויסט מיט איהם.

איצט זאגט אונז אן „דער וועקער" א נייעס, אז סקאט נירינג איז טריף. עס איז מיט איהם געשעהן אן אומגליק: ער איז ארויס פון דער סאציאליסטישער פארטיי און האט זיך ערקלעהרט פאר א קאמוניסט.

איך פארשטעה די עגמת נפש פון׳ם „וועקער", עס פארדריסט איהם וואס נאך איינער פון זיין לאגער איז אריבער צו די שאקלהאפטיגע קאמוניסטען. אבער צו־וואס דער אנשטעל, אז סקאט נירינג איז „א וואסערדיגער, אויבערפלעכליכער זשורנאליסט", אז „איהם האט באצויבערט די סאציאליסטישע פראזע און אט מיט דער פראזע איז ער געבליבען"? נעבעך א גרויסער גייסט אין היינט א וואסערדיגער זשורנאליסט? באשאפט ווירקליך דאס פארטיי קארטעל אזעלכע וואונדער?

אויב איינער איז „אין נאשיך", מעג ער זיין דער גרעסטער ניכטס, ווערט ער דערהויבען ביז׳ן הימעל, און טאמער פארקעהרט, איז ער ווערט א זין אז דר׳ערד.

אט אזוי קנעלט מען מיט אונז דורך אריין צו סאציאליסטישע טוער און דענקער.

מענער ספרינג
העטס
די לעצטע קאלירען און שיידס
$3.35
אויך ספעציעלע מציאות אין מענס פורנישינגס
BUCKHAM
Limited
באקהעם לימיטעד
264 יאנג סטריט

אין זיין בלינדען האס צו די קאמוניסטען ווייסט דער „פארווערטס" ניט פון קיין שום גרעניץ. האט ער אונז לעצטע וואך דערלאנגט א לעבערליכען פזמון, אז די קאמוניסטישע פארטיי פון טשעכאסלאוואקיע, מיט איהר פיהרער שמעראל בראש, האט זיך פארקויפט צו דעם דארטיגען אויל־טראסט...

מען מוז אבער אויך זאגען, אז די קאמוניסטען מיט זייער פארשרייען אלעמען אלס פאררעטער און קאנטער־רעוואלוציאנערען, האבען צוגעגרייט דעם באדען פאר אזעלכע לעבערליכע און פארברעכערישע אטאקעס.

דער יובילעאום פון די שלום עליכם שולען

איינע פון די ערפרעהענדסטע ערשיינונגען אין אונזער פראגרעסיווער וועלט איז די פונאנדערוואקסונג פון דער ראדיקאלער שול־באוועגונג, און דעם אויבען־אן אין דער באוועגונג געהערט צו די שלום עליכם שולען פון ניו יארק און אומגעגענד, וועלכע פייערען איצט דעם צעהן יאהריגען יובילעאום פון דער שול נומער איינס.

בעת אלערליי שווארצזעהער און פעסימיסטען האבען אומגעבעטיג געקלאגט איף דעם וואס דאס אידישע קינד ווערט אפגעריסען פון אידיש־ראדיקאלען לעבען, האט א גרופע ארבייטער און פאלקס־אינטעליגענטען אין בראנקס, ניו יארק, גענומען בויען וועלטליכע שולען און זיי האבען דערלעבט צו זעהן גוטע פרוכט פון זייער ארבייט. איצט זענען שוין דא זיבעצעהן שלום עליכם שולען מיט א גאנץ גרויסער צאהל קינדער, מיט עטליכע פאלקס־אוניווערזיטעטען, מיט א קינדער־זשורנאל וואס ערשיינט שוין דאס פערטע יאהר, מיט א מוסטערהאפטער קינדער־קאלאניע „בויבעריק". די אלע אינסטיטוציעס זענען א ביישפיעל פון אינספיראציע פאר אלע אידיש־ראדיקאלע טוער איבער׳ן גאנצען לאנד. דאס איז אייגענטאן געווארען פון א קליינער גרופע מענשען, אונטער די שווערסטע באדינגונגען.

זאלען געשטארקט ווערען די הענט פון די וואס בויען דעם מאדערנעם אידישען לעבען!

ביי די הינגע קלאוקמאכער

שוין לאנג ווי די הינגע קלאוקמאכער האבען ניט געהאט אזא גרויסע פארזאמלונג, ווי מאנטאג אווענט, ווען די פארזאמלונג איז פארגעקומען אין אנשי ענגלאנד האל, מיט אסיפ וואלינסקי אלס רעדנער.

עטליכע הונדערט קלאוקמאכער האבען אויפמערקזאם אויסגעהערט דעם רעדנער, וועלכער האט זיך באזונדערס אפגעשטעלט אויף דעם וואס די „לינקע" טוען צו צוברעכען די יוניאנס, און דעם גרויסען שאדען וואס זיי פאראורזאכען דער ארבייטער באוועגונג.

מ. קירזשנער איז געוועזען דער פארזיצענדער.

וואס פאר א לאנד איז בעסאראביע

(פארזעצונג פון פיידזש 4.)

אלץ גאנץ שטארק, טראץ אלע אומענשליכע פערפאלגונגען און גזישות.

דאס איז בעסאראביע, איבער וועלכער עס ציהט זיך נאך דער סכסוך צווישען די סאוויעט רעפובליקען און רומעניע איבער וועלכער א קריעג צווישען די צוויי לענדער, א קריעג וואס וועט אריינשלעפען אנדערע לענדער, איז גאנץ מעגליך, זעהר און זעהר מעגליך.

דר. לאסקער איז דער ערשטער אין שאך־טורניר

ניו יארק אפריל 2.

דר. עמאנועל לאסקער פון דייטשלאנד איז דער ערשטער אין דעם אינטערנאציאנאלען שאך־טורניר. און עס זעהט אויס, אז ער וועט בלייבען דער ערשטער.

אלעקסאנדער אלעכין פון רוסלאנד איז דער צווייטער.

אויפבוי פאנד פון „אה״ט" ווערט ארגאניזירט אין אמעריקא

ניו יארק. —

א רייהע קאנפערענצען, אין וועלכע עס האבען זיך באטייליגט פראמינענטע פערזאנען פון אלע קרייזען, וואס זענען געווען פארבונדען מיט דער דזשאינט דיסטריביושאן קאמיטע, ווי אויך אנדערע אנגעזעהענע אידישע טוער, זענען אין משך פון די לעצטע עטליכע טעג אפגעהאלטען געווארען אין ניו יארק צוזאמען מיט דער „ארט"־דעלעגאציע, וואס באזוכט איצט אמעריקא. — דר. ל. בראמסאן און דר. א. סינגאלאווסקי. די קאנפערענצען האבען באהאנדעלט די פראגע וועגען דער גרינדונג פון דעם אידישען אויפבוי־פאנד פון „ארט", וואס האלט זיך שוין אין ארגאניזירען אין אייראפא, און עס איז אויסגעקליבען געווארען א ספעציעלע קאמיסיע אין דער שפיץ מיט דר. דזשוליוס גאלדמאן, דעם געוועזענעם אייראפאאישען דירעקטאר פון דער דזשאינט דיסטריביושאן קאמיטע, אויסצוארבייטען פלענער פאר דער גרינדונג פון ניו יארקער קאמיטעט פון פאנד.

די ניו יארקער קאנפערענצען זענען פארגעקומען נאכדעם, ווי די דעלעגאציע פון דר. בראמסאן און דר. סינגאלאווסקי האט באזוכט די וויכטיגסטע שטעדט איבער׳ן לאנד און אומעטום פאראינטערעסירט די אנגעזעהענסטע אידישע טוער אין דער גרינדונג פון דעם אויפבוי־פאנד. אין שיקאגא האבען זיך מיט דער ארבייט פאראינטערעסירט אזעלכע פערזאנען ווי דזשוליוס ראזענוואלד, דזשיימס בעקער, דזשיימס דייווים, א. נ. בעקער, גענעראל אייבעל דייווים, ריכטער פישער, ש. דייטש, דר. לימען און אנדערע, וואס האבען פיעל געטון פאר דער רעקאנסטרוקטיווער ארבייט פון דער דזשאינט דיסטריביושאן קאמיטע, און זיי האבען אלע איינגעשטימט צו נעהמען א טיכטיגען אנטייל אין דער גרינדונג פון אויפבוי־פאנד. אויף די שיקאגא׳ר קאנפערענצען איז אפילו אויפגעבראכט געווארען א פלאן, אז דער דרייוו פאר׳ן פאנד זאל זיך פארבינדען מיט אנדערע דרייווס, וואס קומען איצט פאר איבער׳ן לאנד, עס איז אבער שפעטער איינגעזעהן געווארען אז ס׳איז ניט ראטזאם צו פארבינדען די ארבייט פון באזארגען קרעדיט פאר די אידישע בעלי מלאכות און ערד־ארבייטער אין די מזרח־אייראפעאישע לענדער מיט די אנדערע קאמפיינס, וואס ווערען דא איצט אנגעפיהרט אין לאנד.

אין פילאדעלפיא האבען צוגעזאגט זייער אקטיווע מיטהילף ביים העלפען ארגאניזירען דעם אמעריקאנער קאמיטעט פאר דעם פאנד דזשאדזש הוראס סטיין, מארים וואולף, דר. סיירום אדלער, דזשייקאב בילקאפ. אין קליוולאנד האט די פעדעראציע פון אידישע צדקה־אנשטאלטען צוגעזאגט צו שאפען דעם טייל פון פאנד, וועלכער וועט אויף דער שטאדט ארויפגעלעגט ווערען.

אויף די קאנפערענצען אין ניו יארק, אזוי אויך אין אנדערע שטעדט איז קלאר ארויסגעבראכט געווארען דער געדאנק, אז די ליקווידאציע פון דער דזשאינט דיסטריביושאן קאמיטע אין רוסלאנד און אנדערע מזרח־אייראפעאישע לענדער, לאזט איבער דעם אידישע בעלי־מלאכה און אידישען ערד־ארבייטער אהן וועלכער עס איז ווייטערדיגער פארזארגונג, נאכדעם ווי די קאמיטע האט בלויז געמאכט א אנהויב אין שאפען די קרעדיט־אינסטיטוציעס, וואס זענען נויטיג פאר דער ענטוויקלונג פון אידישער מלאכה און ערד־ארבייט. די איינציגע ארגאניזאציע וואס איז פארבליבען אין פעלד ווייטער אנצופיהרען די ארבייט, איז דער וועלט־פארבאנד „ארט" און כדי דער „ארט" זאל ניט דארפען יעדען מאל אנקומען צו נייע זאמלונגען, מוז געשאפען ווערען א שטענדיגער פאנד פון א מיליאן דאלאר, וועלכער זאל דינען אויף הלוואות צו אידישע בעלי־מלאכות און ערד־ארבייטער אויף זריעה, לעבעדיגען און טויטען אינווענטאר, געצייג, רויהע שטאף א.א.וו. די הלוואות זאלען ארויסגעגעבען ווערען מיט גאראנטיעס אזוי אז דער פאנד זאל קענען פארבלייבען אן אייביגער קוואל פון קרעדיט פאר די בעלי־מלאכות און ערד־ארבייטער, וועלכע נויטיגען זיך אין דעם.

דער געדאנק פון פאנד איז שוין ביי היינטיגען טאג געגנט פאפולער אין אייראפא און איצט ווערן פארענדיגט די לעצטע צוגרייטונגס־ארבייטען צו ארגאניזירען דעם אמעריקאנער קאמיטעט פון פאנד.

ליידט ניט מעהר פון קאפ־וועהטאג

„פרוט־איי־טיווס" האט איהר באפרייט פון יאהרען ליידען.

דער פרוכט טריטמענט זעהט אויס צו זיין דער איינציגער וועג פון קאמפליט באפרייען די סיסטעם פון דער אורזאך פון קאפ־וועהטאג.

מיס־עני וואַרד פון 112 הייזען סטריט, סט. דזשאן, נ. ב. זאגט: „איך בין געווען א גרויסע ליידענדיגע פון קאפ־וועהטאג און פארשטאפונג פיעלע יאהרען. איך האב אויסגעפרובירט אלעס, אבער קיין זאך האט מיר, זעהט אויס, ניט געהאלפען, ביז איך האב אויסגעפרובירט „פרוט־איי־טיווס".

איינגענומענדיג עטליכע באקסעס בין איך קאמפליט [illegible] געווארען און פון דאן אן בין איך געזונט".

פאקטיש קומען אלע קאפ־שמערצען פון פארגיפטעטע בלוט. דאס ווייזט אז די בלוט איז פול מיט אומריינקייט, וועלכע דארפען ארויסגעטריבען ווערען פון דעם קערפער דורך די נירען און „באוועלס".

„פרוט־איי־טיווס" — געמאכט פון די זאפטען פון אראנזשען, עפעל, פייגען און פלוימען — רעגולירען די לעבענס־וויכטיגע ארגאנען, זיכערען א ריינעם בלוט־סופלאי און באפרייען פולקאם פון קאפ־שמערצען.

25ס. א באקס — ביי אלע דראגיסטען אדער ביי פרוט־איי־טיווס למט., אטאווא.

United American Lines
(HARRIMAN LINE)
Joint Service with
HAMBURG AMERICAN LINE
קירצער און דירעקטער וועג צו און פון
האמבורג־קענעדע
און ניו יארק
מיט די שיפען דע־לוקס
„רעזאלוט" — „רילייענס"
„אלבערט באלין"
„דייטשלאנד"
פיהרענדיג ערשטע, צווייטע און דריטע קלאס פאסאזשירען. און די פאפולערע איין־קלאס קעבין־שיפען „מאונט קלעי", „קליוולענד", „האנזא", „טהורינגיא" און „וועסטפאליא" מיט קעבינס פון צוויי, פיער און זעקס בעטען, גרויסע דיינינג־רומס, סאלאנען און פראמענאד־דעקס פאר׳ן געבראך פון דריטע־קלאס פאסאזשירען. כשר׳ע קיך.
פאר אינפארמאציע ווענדעט זיך צו אייגענע וועלכען אויטאריזירטען אגענט אדער צו
KIMMEL & GORDON
דזשענעראל־פאסענדזשער אגענטען
656 מיין סטריט, וויניפעג, מאנ.

די קרוין פון אלע מצות
מצה זו שאנו אוכלים
די מצה וואס מיר עסען מיט פארגעניגען איז
סיימאן און ווייל
מצה
פון סינסינעטי
מצה
מצה מעהל
מצה פארפעל
און קעיק מעהל
„די קרוין פון אלע מצות"
ווייל עס איז די העכסטע קוואליטי, פריש ווי פון אויווען ארויס, געשמאק, יעדער ביסען א פארגעניגען, כשר בתכלית הכשרות בהשגחת הרב הגאון ר׳ יוסף מאיר לעווין פון סינסינעטי.
האט איהר שוין געגעבען אייער ארדער צו אייער גראסער, דיעלער אדער מצה פעדלער?
SIMON & WEIL, CINCINNATI, OHIO
פארטרעטער פאר טאראנטא און אומגעגענד
וויקטאר בעהר, 182 ליפינקאט סטריט
טעלעפאן טריניטי J 5128

צוואנציג דערטרונקען ווען בריק פאלט איין

מאדריד, אפריל 2.

ארום צוואנציג פערזאן זענען לעצטען זונטאג דערטרונקען געווארען ווען א בריק איז איינגעפאלען לעבען דעם דארף [illegible] אלגאבא.

דוד פינסקי

באוואוסטער דראמאטורג און שריפטשטעלער, וועט לעזען זיין נייע דראמע

„דוד״

פרייטאג אווענט 25־טען אפריל
אין פרץ שולע 194 בעווערלי סט.

שבת אווענט 26־טען אפריל
וועט ער האלטען א לעקציע איבער דער טעמא
— „די אידישע ליטעראטור״ —
— אין —
אנשי ענגלאנד האל

זונטאג אווענט 27־טען אפריל
א גרויסער קאנצערט
מיט די בעסטע לאקאלע קרעפטען
צוזאמען מיט דוד פינסקי
אין אנשי ענגלאנד האל

איינטריט צו אלע 3 ענטען בלויז 1 דאלאר, טיקעטס צו באקומען ביי פארבאנד און פועלי ציון חברים.

---

3 וואכען צו פסח

קויפט אייערע דישעס איצט

א גרויסער באַרגיין

אין דישעס, גלאַזוואַרג, אלומינום, ענעמעל און הארדוועאר, ביליגער ווי איבעראל. קומט און איבערצייגט זיך אין נייעם הארדוועאר סטאָר

17 באלדווין סטריט

מיר פארענטען אויך דישעס אויף שמחות.

(4597-4-18)

די ספרים

תפארת ירושלים ואמרי שפר

אין 10 חלקים פון הרב

שרגא פייביל ריזענמאן שליטא

זענען צו פארקויפען ביים רב אין הויז. יעדעס חלק קאסט 1 דאלאר. אויך א קליינע צאהל ספרים ״תחית ציון״ פון הרב הנ״ל, איבערגעזעצט אין אידיש און רומעניש, געדרוקט אין גאלאץ, רומעניען.

Rabbi F. RIZENMAN,
155 McCaul St., Toronto Ont.

פרויען און מיידלאך

איהר ווערט איינגעלאדען צו קויפען אייערע

סילקס און וואולענס

ווי אויך אלע אנדערע סחורות פאר אייערע פרינג קליידער ביי אייער אלט באוואוסטען

משה גראפשטיין און קופער

אין 115 דאנדעס וועסט

מיר האבען א ספעציעלען גרויסען סטאק אויסוואהל פון די לייטעסט סטייל, און מיר פארקויפען ביליג.

קומט אין א פלאץ וואו איהר זענט שטענדיג ווילקאמען.

מאָריס גראפשטיין און קופער

115 דאנדעס סטריט וועסט

מיר האבען אויך א בראנטש אין לאנדאן, אנטאריא אונטער'ן מענעדזשמענט פון

מקד גראפשטיין, 259 דאנדעס סטריט

פאלגענדע בוטשערס

זענען אונטער דער השגחה פון הרב יהודה ליב גרוינארט

יצחק זילבערשטיין, 137 דאנדעס וו.
קאהן, 170 דאנדעס וועסט.
קאליבארי, 472 דאנדעס וועסט
אייבראמס, 804 דאנדעס וועסט.
ווייט, 799 דאנדעס וועסט
סאלאמאן באל, 820 דאנדעס וועסט
לערמאן, 840 דאנדעס וועסט
אייבראמס, 795 קווין וועסט
וויינראט, 249 אגוסטא עווענין
לענטשנע, 47 גרענדוש עווענין
טוביה גראס, 153 מיקאל סטריט
וויינראט, 84 עליזאבעט סטריט
גוטפעלד, 58 קענזינגטאן עוו.
אינגערמאן, 38 קענזינגטאן עוו.
אייבראמס, 36 סענט עדריו
בערלין, 26 סענט ענדריו
בערלין, 31 באלדווין סטריט
קקאפ, 27 באלדווין סטריט
שמשון גרויסמאן, 20½ באלדווין סט
אייבראמס, 2 ד'ארסי סטריט
פיינשטיין, 270 פארלאמענט סט.
ישראל קאהען, 2 קענזינגטאן עוו.
שלמה גוטפעלד, 128 עליזאבעט סטריט

דזשולערי דזשאבס

פון אלע סארטען, אלערליי מעדאלס פריוואטע ווי אויך פאר מתנות ווערען געמאכט צו ארדער, אדער ריפיירט, ביים באוואוסטען דזשולער

מ. העלער

750 קווין סט. איסט

טעלעפאן דזשעראַרד 7863

ליידיס פאקעט בוקס געפיקסט גוט און ביליג.

וויכטיג פאר האמילטאנער אידען

איהר באקומט ביי מיר טעגליכע, וועכענטליכע און מאנאטליכע צייטונגען פון אמעריקא און קאנאדע אין

56 יארק סטריט (געגענאיבער דעם קאמערשעל האטעל)

דעם „אידישען זשורנאל״

באקומט איהר יעדען פריהמארגען פון דעם זעלבען טאג. איך נעהם אויך אן אלערליי

אדווערטייזמענטס פאר'ן „אידישען זשורנאל״

אויב איהר ווילט זיך סובסקרייבען פאר אידישע צייטונגען קענט איהר עס טאן דורך מיר מיט די בעסטע באהאנדלונגען. אלערליי ביכער און שרייב מאטעריאלען קענט איהר ביי מיר באקומען.

ל. לואיס 56 יארק סטריט, האמילטאן
טעלעפאן רידזשענט F 3045

EMPIRE THEATRE

עמפייר טעאטער

די גאנצע היינטיגע וואך
דזשאו הורטיג פרעזענטירט
א קארניוואל פון פרייד, געלעכטער און מעלאדיע

ניפטים פון 1924

בען מעראף
און זיין בענד פון סימפאנישע ענטערטיינער
בילי פאסטער — וויל ה. קאהאן.

PANTAGES
NOW PLAYING

דער גרעסטער און בארימטסטער סטאר פון דער שטילער ביהנע

ריטשארד בארטאמעלעס

— אין —

„צוואנציג איינס״

א ראמאנס פון א מאדערנער סינדערעלא און א היינטוועלטיגען ביילד שעהנעם פרינץ.
צוזאמען מיט
6 — וואדעוויל אקטען — 6
נעקסטען שבת קומט ״דער פרעמדער״

LOEW'S THEATRE

די גאנצע היינטיגע וואך
די בארימטע סענסאציע
ראָז ראיאל מידזשעטס

HIPPODROME

די גאנצע היינטיגע וואך
נארמא טאלמידזש
— אין —
„דאס ליעד פון ליעבע״

SHEAS

די גאנצע היינטיגע וואך
איוועט
ווערא מישעלענא און פרעד הילדעבראנד, פראנק דארדלא, בוירד מעלמאן, אדאנעל און בלעיר.

דאס לעצטע מאהל פאר עטליכע סעזאנען

היינט
יאשא חפץ

אין מעסי האל — סיטס $1.00, $1.50 און $2.00

היינט

און א גאנצע וואך

דער באזאר

פונ'ם

פרץ פרויען פאראיין
אין פרץ שול

צו גונסטען א זומער־קאלאניע פאר קינדער

שבת דעם 5־טען אפריל וועט אויך זיין א טאנץ

דער שעהנסטער באזאר פונ'ם סעזאן א גרויסער אויסוואהל פון זאכען צו ביליגע באזאר פרייזען

פאטראניזירט די איינציגע אידישע ווינדאו קלינינג קאמפאני

NEW YORK WINDOW CLEANING CO.

מיר אטענדען צו אלערהאנד הויז, פעקטארי, אפיסעס און סטאר קלינינג. בעסטע ארבייט צו די ביליגסטע פרייזען. מיר מאכען קאנטראקטען פאר טעגליך און יעהרליך. 10 טעראלי סטריט. טעלעפאן אדעלייד 3087
אווענדען און יום טובים טעלעפאנירט טריניטי W 0898

NEW YORK WINDOW CLEANING COMPANY 10 TERAULEY ST.

STANDARD THEATRE

טעלעפאן טריניטי 4310

מישא און לוסי גערמאן, אין סטענדערד טעאטער

פרייטאג אווענט, שבת מאטינע און שבת אווענט

דאס לאנג ערווארטעטע

„דער דבוק״

קומט עסען אין א פלאץ וואו אלע עסען

אונזער פלאץ איז דער באוואוסטער אין שטאדט אלס די בעסטע דעליקאטעסען סטאר. מיר זענען די עלצטע עטאבלירטע דעליקאטעסען סטאר אין שטאדט. הונדערטער מענשען עסען טעגליך ביי אונז.

קארנדביף — 70 סענט א פונט	ראל ביף — 70 סענט א פונט.
ווינערס — 35 סענט א פונט.	סאלאמע — 50 סענט א פונט.
פאסטראמע — 80 סענט א פונט.	

קומט אריין צו אונז פאר אייערע לאנטשעס. ספעציעלע פרייזען פאר גרעסערע ארדערס.

פיינסאדס דעליקאטעסען סטאר
166 קווין סטריט וועסט

ס. קופטשיק

דער באוואוסטער רעסטאראטאר האט ערעפענט דעם

רומעניען רעסטאראן און גריל
אין 276 קאלעדזש סטריט

איהר קענט דארטען באקומען אלע רומענישע מאכלים און אלעס וואס אייער הארץ גלוסט.

מיר נעהמען אויך אן צו קייטערען פאר חתונות, באנקעטען און פארטיס.

קהלה כשרות דירעקטארי

בהשגחת הרב י. גארדאן, והרב י. וויינריב.

מ. וואל, 782 דאנדעס סטריט וועסט,טעל. טריניטי 6857.
מ. פאלאק, 602 דאנדעס סטריט וועסט,טעל. טריניטי 8927.
ישראל זימראד, 120 גרענדוש עוו. טעל. טריניטי 0445.
עפעלזאפט, 818 דאנדעס סטריט וועסט,טעל. טריניטי 9603.
שפערלינג, 697 קווין סטריט וועסט. טעל. עדלייד 5770
הערישאן, 823 קווין סטריט וועסט. טעל. עדלייד 3895.
יצחק ליפקין, 125 עליזאבעט סטריט.
בעדקין, 707 קווין סטריט וועסט. טעל. עדלייד 8033
מ. גאלדמאן, 784 דאנדעס סטריט וועסט טעל. טריניטי 7726.
היימי ווייספעלד, 42 קענזינגטאן עוו. טעל. טריניטי 7496.
מ. גורעוויטש, 844 דאנדעס סטריט וועסט.
שלומה הענדלער 331½ קווין סטריט איסט.
בעריל הערישאן, 47 באלדווין סט. טעלעפאן טריניטי 5277
מענדיל גודמאן, 170 בראנזוויק עוו. טעלעפאן טריניטי 5292.
אברהם חיים וואלפיש, 197½ באלדווין סט. טעל. טריניטי 7789
לייזער זיטזאמער, 549 דאנדעס וו. טעל. טריניטי J 9369
פ. מארגאליס, 527 קווין סט. וו. טעל. עדלייד 5540
מ. גאלדמאן, 854 דאנדעס סט. וועסט, טעלעפאן טריניטי 2445.
סעם מענדעלסאן, 76 עדווארד, טעלעפאן עדלייד 3668.
משה גראס, 90 נעסאו סטריט, 134 עליזאבעט סט. טעל. מיין 3262
קלמן גרינשפאן, 12 קענזינגטאן עוו. און 9 בראנזוויק טריניטי 7966
יצחק סאלאוויי, 94 אסינגטאן עוו. טעלעפאן לייקסייד 6422.
סעם גוטמאן, 219 קווין סטריט וועסט.

די שחיטה אין ״סיטי שלאכט הויז״ אין ״קענעדיען פעקינג קאמפאניע״ איז בתכלית הכשרות.

נייע קצבים זאלען זיך מעלדען צו די רבנים פון דער קהלה.

קויפט אייערע קוילען פון

יאנאווער בראדערס

וואו איהר באקומט בלויז גוטע הארטע קוילען.

268½ קווין סטריט וועסט. טעלעפאן עדלייד 2766.

לאיער דזשאזעף מ. גארדאן ב. א.

בארריסטער, סאליסיטאר א. אז. וו.
רום 822 פעדעראל בילדינג
85 ריטשמאנד סטריט, וועסט. טעל. מיין 1150. רעזידענס טריניטי 4925

אויב איהר דארפט געזעליגע פאפירען

אלע געזעליגע פאפירען, סיטיזען פייפערס אפידייוויטס א.ד.ג. ווערען געמאכט פון

ה. וויינבערג

דזשאסטיס אף פיעס
אין אפיס פון „אידישען זשורנאל״
253 קווין סטריט וועסט

לאיער ה. מ. לעהרער

רום 312 פעדעראל בילדינג. טעלעפאן עדלייד 4651 — 4652
טראסט און פריוועט פאנדס פאר ערשטע און צווייטע מארגיידזשעס.

לאיער אי. סי. סאלאמאן

אפיס מענינג טשעמבערס, 72 קווין סט. וועסט—רום 207
טעלעפאן עדלייד 3640 רעזידענץ טעלעפאן: טריניטי W 6953

מיר קענען פארקויפען אייער צווייטען מארגיידזש
אויך געלט צו לייען אויף ערשטע און צווייטע מארגעדזשעס.

פעקטאר און שולמאן, לאיערס

מענינג טשעמבערס 72 קווין סט. וועסט. טעלעפאן מיין 4359.

לאיער בירענבוים

אפיס:
דאמיניאן באנק בילדינג
קארנער קווין און בעי.
טעלעפאן אדעלייד 7287.

וואוינונג:
226 בעווערלי סטריט.
טעלעפאן טריניטי 7406.

לאיער סאל איזען

באריסטערס, סאליסטער, און נאטארים.
קאמישיאנערס פאר אנטאריא און קוויבעק.

געלט צו לייען אויף ערשטע און צווייטע מארגיידזשעס

דאמיניאן באנק בילדינג
קאר. בעי און קווין סטריטס רום 4
טעלעפאן עדלייד 3083.

רעזידענס
484 מארקהאם סטריט.
טעל. טריניט W 1904

לואיס מ. סינגער

לאיער און נאטארי פאבליק
קאמישיאנער פו זאלע פראווינצען פון קאנאדע.
לאא אפיס 154 סימקא סטריט.
די נייע טעלעפאן נאמבערס זענען:
עדלייד 7965 און 7966

מיר לייען געלט אויף ערשטע און צווייטע מארטגעדזשעס

הייד, הייד, שארי און ניומאן

לאיערס.

4 ריטשמאנד סטריט איסט. טעלעפאן מיין 2431

מאלדאווער און ראזענבערג

לאיערס און נאטארים פאבליק
געלט צו לייען אויף ערשטע און צווייטע מארגיידזשעס.
רום 507 פעדעראל בילדינג. ריטשמאנד סטריט.
טעלעפאן עדלייד 2178.

לאיער גלאסס

רום 36—37 אימפיריעל באנק בילדינג. קארנער יאנג און קווין.
טעלעפאן עדלייד 6089 רעזידענץ קענוואוד J 4206
געלט צו לייען אויף מארגיידזשעס.

לאיער א. גרינבוים

מענינג טשעמבערס, 72 קווין סט. וועסט; רום 212
טעלעפאן עדלייד 7437. רעזידענץ טעלעפאן: טריניטי J 5998

טעלעפאן עדלייד 7437. רעזידענץ: טריניטי W 7024.

לאיער לואיס נ. סאקלאף

געלט צו לייען אויף ערשטע און צווייטע מארגיידזשעס.
רום 212 מענינג טשעמבערס 72 קווין סט. וועסט

לאיער דענבערג, ב.א.ל.ל.ב.

רום 224 פעדעראל בילדינג
קארנער שעפערד און ריטשמאנד וועסט.
הויז: 32 היוויזשאן סטריט. טריניטי W 3796.
טעלעפאן אדעל. 1264

לאיער הערי פיין

33 עדלייד סטריט וועסט
אפיס באהאן בילדינג.
טעלעפאן עלדושין 2191. הויז־טעלעפאן לייקסייד W 9188

לאיער ראטשטיין

מענינג טשעמבערס—רום 407 קווין און בעי
טעלעפאן אדעלייד 7520 רעז. טעלעפאן מיין 7129.